STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02425

ODEM HORISHEN'S DOYRES

Nikolai Abramovich Dubrovin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג פּראָגרעס ווארשא

געוועזענע א. קאַטיק'ס אויסגאַבען.

אדם־הראשונ'ס דורות

אדער

די פּאַרהיסטאָרישע צייט פון מענשען.

PROGRESSIVE EDUCATIONAL SOCIETY
Organized May 9, 1907
TRENTON, N. J.

פערפאסט דורך

קודריאַווסקי.

מיט צייכנונגען צום ענדע.

צווייטע אויסגאַבע

ווארשא. תרס"ה.

דרוק ש. ב. לנדא, נאלעווקי 38.

ОДОМЪ-ОРИШЕЙНСЪ ДЕЙРЕСЪ

т. е. Первобытная жизнь человѣка.

Сочиненіе **Кудрявскаго.**

Переводъ съ русскаго.

Изданіе „ПРОГРЕСЪ".

ВАРШАВА, 1905.

Типографія Ш. Б. ЛАНДЕ, Налевки 38.

Дозволено Цензурою
Варшава 15 Сентября 1094 г.

איינלייטונג.

דאס רוב מענשען וואס האבען וועניג געלעזען און געטראכט, מיינען, אז פון אייביג אן, פון ששת ימי בראשית, האט די וועלט געלעבט פונקט אזוי ווי זי לעבט יעצט. אמת דאס ווייסט שוין יעדער, אז ניט אלע מאל האבען מענשען געקענט אזוי ווי יעצט פליהען אין דער לופטען מיט לופט-באלאנען, לויפען שנעלל ווי א פייל אויף אייזענבאהנען, איבערגעבען די געדאנקען דורך טעלעגראפען און טעלעפאנען און בענוצען זיך מיט אלע איבריגע ערפינדונגען, מיט וועלכע עס ריהמט זיך דער נייןצעהנטע יאהרהונדערט. אבער ווער שטעלט זיך דאס פאר, אז עס איז געווען אמאל א צייט ווען די מענשען זיינען געגאנגען הויל-נאקעט, האבען געוואהנט אין האהלען אדער אויפ'ן פרייען פעלד און געלעבט ווי די ווילדע חיות? ווער האט א ריכטיגען בעגריף אויף וויפיעל עס איז איבערגעביטען געווארען דאס לעבען פון מענשען, צייט ער געפינט זיך אויף דער ערד ביז היינט, סיי דאס לעבען פון יעדען איינציגען מענשען בעזונדער און סיי דאס געזעללשאפטליכע לעבען? מען קען זאגען, אז פון די שוואר-גאנישע לעזער האט כמעט קיינער קיין בעגריף ניט וועגען דעם, אין אמת'ן אבער זיינען די מענשען ניט מיט-א-מאל געקומען צו דער מדרגה אויף וועלכע זיי שטעהען היינט; הונדערטער און טויזענדער יאהרען האבען געדויערט ביז דאס לעבען האט בעקומען אזא פארמע ווי מיר געפינען יעצט; גאנצע דורות, גאנצע געזעללשאפטען האבען אויף דעם געהארעוועט, די מענשהייט האט זיך גאנץ פאמעליך, טריט ביי טריט, ענטוויקעלט און איבערגעביטען, אזוי אז קיינער האט גאר ניט בעמערקט די פעראנדערונגען וואס זיינען פארגעקומען אין זיין צייט, און יעדער דור האט גערעכענט, אז ער לעבט פונקט וויא זיינע עלטערן האבען געלעבט.

איבערהויפט איז א טעות צו רעכענען, אז אלץ וואס מיר זעהען פאר זיך איז אזוי פון אייביג און מיר וועלען דאס אלץ לאזען אין דעם זעלבען צושטאנד ווי היינט, ווארום באמת שטעהט קיין

זאך נישט אויף איין ארט. ניט נאר דעם מענשענס לעבען און אלע געזעלשאפטליכע ארדנונגען בייטען זיך, נאר אלץ אהן א אויסנאהמע אנדערט זיך כסדר. די געלעהרנטע האבען מיט אותות ומופתים בעוויזען, אז אפילו דיא ערד גופא בייט זיך אויך; זיי האבען דערוויזען, אז לכתחילה איז די ערד געוועזען אין א צוברענטען צושטאנד, א שטיק צושמאלצענע מאססע, נאר מיט דער צייט האט זי זיך אפגעקיהלט און עס האבען זיך אויף איהר אנגעהויבען בעוויזען געוויקסע, חיות און מענשען *).

פון דער צייט וואס דער מענש געפינט זיך אויף דער ערד הייבט זיך אן זיין היסטאריע, וועלכע בעשטעהט — אזוי ווי אלמדינג — פון שטאנדיגע איבערבייטונגען. נאר די איבערבייטונגען זיינען אזוי לאנגזאם און אזוי פאמעליכ'ן געשעהען, אז קיינער האט זיי ניט געפיהלט און יעדען האט זיך געדאכט אז ער לעבט נאכ'ן אלטען שטייגער, פונקט ווי מיר פיהלען ניט דיא פאראנדערונגען וועלכע קומען-פאר אין אונזערע צייטען.

— אבער פון וואנען ווייסט איהר דאס, שרייבער? — וועט געוויס פרעגען יעדער איינפאכער לעזער — פון וואנען ווייסט איהר אז אמאל איז דער מענש געוועזען גאנץ ווילד, גלייך צו א בהמה, און נאר גאנץ לאנגזאם איז ער לייטישער געווארען און געקומען צו זיין היינטיגער מדרגה? איהר אליין זאגט דאך אז קיינער בעמערקט גאר נישט די שנויים וואס קומען פאר אין זיין צייט און יעדער גלויבט אז ער לעבט פונקט ווי זיינע עלטערן האבען געלעבט, טא פון וואנען ווייסט איהר גאר אז עס זיינען פארגעקומען אין דעם מענשענס לעבען אזאלכע אונגעהייערע שנויים?

מיינט ניט אז עס איז אנגעקומען לייכט איידער מען האט זיך דאס דערוואוסט, דאס אליין האט אויך לאנג געדויערט, און נאר

*) וועגען דער ערד, וויא אזוי זי איז ענטוויקעלט געווארען און האט בעקומען איהר היינטיגע פארמע, מאכען מיר פארטיג א בעזונדער ביכעל, וועלכעס וועט אין גיכען אפגעדרוקט ווערען.

א. ק.

ביסליכווייז זיינען מיר צו דעם געקומען, אט וועל איך אייך טאקי באלד ערצעהלען ווי אזוי דאס איז געשעהען.

ערשטענס געפינען זיך נאך עד היום שפורען פון די פאר-צייטיגע מענשען, עס זיינען אונז פארבליבען פון זיי פערשיעדענע אנדענקען, פון וועלכע מיר קענען וויסען וואס דאמאלס איז גע-שעהען אונ וואס פאר א לעבען זיי האבען דענסטמאל געפיהרט.

אין פיעל ערטער געפינט מען אין דער ערד מענשליכע ביי-נער, סקעלעטין, שארבענס אונ נעבען זיי געפינט מען פערשיעדענע געפאס, כלי בית אונ צייערונג, וועלכע האבען בעשיינפערליך גע-הערט צו די מענשען וואס האבען דאמאלס געלעבט. אויך אין אונ-זערע מקומות, אז מען גראבט אויף גאנץ אלטע קברים געפינט מען דארט פערשיעדענע בעלי-בתישקייט אונ כלי זיין (געוועהר), וועלכע מען פלעגט פארצייטענס בעגראבען צוזאמען מיט די בר-מינן'ס. אט פון די נאכגעבליבענע זאכען „שטויסען מיר זיך אן" ווי אזוי מענשען האבען געלעבט אין די אלטע צייטען.

אויסער דעם געפינען מיר ביי די פארצייטיגע שרייבער גאנצע ערצעהלונגען ווי אזוי עס האבען געלעבט די אמאליגע פעלקער אונ פון דער זעלבער צייט וואס דער מענש האט זיך גאר אויסגעלערנט פארשרייבען זיינע געדאנקען, וויסען מיר במעט גאנץ גענוי די היסטאריע אונ דאס שטייגער לעבען פון יעדען פאלק ביז היינטיגען טאג.

נאר שרייבען איז דאך — ווי מיר וועלען ווייטער זעהען — א שפעטערע המצאה, זעהר פיעל צייטען אונ דורות זיינען דאך אריבער איידער דער מענש האט זיך אויסגעלערנט פארשרייבען זיינע געדאנקען, היינט פון וואנען וויסען מיר דעם מענשענס היסטאריע פון דער צייט וואס דאס שרייבען איז נאך גאר אויף דער וועלט ניט געוועהן? נאטירליך, מען האט זיך געקענט משער זיין וועלכע פאראנדערונגען עס זיינען ביז דאמאלס פארגעקומען, אבער אזעלכע מיני טרעפעניש, בויך-סברות, האבען זייער א קליינעם וויסענ-שאפטליכען ווערטה; איינעם קען זיך דאכטען אזוי אונ דעם צווייטען — פונקט קאפויר, היינט גיה טרעף ווער פון זיי איז גערעכט!

אונ ווער ווייסט ווי לאנג מיר וואלטען זיך געמוזט בעגנוגען

מיט בלויזע השערות, שפיעלען אין טרעפעני שען און טאפען ווי דיא בלינדע. נאר א גליקליכער צופאלל האט אונז געאפענט די אויגען און געגעבען די מאגליכקייט צו וויססען גענוי, ווי האבען מענשען געלעבט גאר גאר אמאל, אין דער פאר-היסטארישער צייט, ווען אויף דער וועלט איז נאך ניט געוועזן ניט קיין שרייבערס און ניט קיין כתב צו שרייבען.

אז מען האט געפונען אמעריקא און נאכדעם אויסטראליען, האט זיך צווישען איירעפא און די צוויי ניי-געפונענע לאנדער אנ-געהויבען זעהר אפטע עסקים, עס האט זיך פארבונדען צווישען זיי שטאנדיגע אויפטראגע. באלד די ערשטע רייזענדער, וואס זיינען אהין געקומען מיט'ן ים, האבען בעמערקט, אז די דארטיגע מענשען לעבען גאר אנדערש ווי די איירעפאער לעבען. אין אויס-טראליען און אין אמעריקא האט מען געפונען אי אזאלכע מענשען וואס זיינען געגאנגען מוטער-נאקעט, אי אזאלכע וואס האבען שוין געהאט גרויסע און קונציגע בנינים. די ערשטע זאך, פארשטעהט זיך, האט זיך גלייך געווארפען אין די אויגען: דער אונטערשייד צווישען דעם איירעפאאישען לעבען און דעם לעבען פון די ניי געפונענע פעלקער.

די איירעפאאישע מענשען האבען באלד בעמערקט, אז יענע פעלקער שטעהען נידעריגער פאר זיי אין אלע הינזיכטען, דאס יענע אומות זיינען ווילדע *). מען האט אויף די ווילדע געקוקט מיט אבשיי, עס איז אויך זעהר געשווינד געווארען א שנאה צווישען די איירעפאער און דיא ווילדע, און די שנאה מיט דעם האס האבען זיך נאך פארגראססערט דאדורך, וואס יענע מענשען זיינען ניט איבריג צופריעדען געוועזן מיט די נייע אומגעבעטענע גאסט, ד"ה מיט די איירעפאער. נאר ווי דיא מעשה איז שוין געוועזען, האבען די איירעפאער פארט געמוזט בעקענען זיך מיט יענע מענשען, בײ וועלכע זיי האבען זיך בעזעצט אין שכנות, הגם זיי האבען זיי ניט איבריג ליעב געהאט. זיי זיינען בעקאנט געווארען מיט זייער לעבען

---

*) זעה „ערצאהלונגען וועגען ווילדע מענשען“, דורך אונז ארויס-געגעבען.

און מיט זייערע מנהגים. עס האבען זיך אויך געפונען אזאלכע, וואס זיינען שטארק מקורב געוואָרען מיט די ווילדע מענשען און האבען אפילו געלעבט אין איינעמען מיט זיי.

אויסער דעם, כדי צו איינהאמעווען די אומרוהיגע ווילדע שכנים, האבען די קאטוילישע מאנאכען און פּראדיגער (דרשנים) געשטרעבט צו פארשפּרייטען דארט די קריסטליכע אמונה, און אום צו קענען ווירקען אויף זיי, האבען די מאנאכען געמוזט זיך אויסלערנען זייער שפּראכע און גוט דורכשטודירען זייער ארט לעבען. אט אויף אזא נ'אופן האבען די איירָאפּאער זיך בעקענט מיט דעם לעבען פון די ווילדע פאלקער, און וואס ווייטער האבען זיי אלץ דייטליכער איינגעזעהן, אז באמת איז גאר ניט אזא גרויסער אונטערשייד צווישען די איירָאפּאער און די ווילדע, ווי מען האט לכתחילה געמיינט.

עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די ווילדע האבען אויך פיעל גוטע מעלות, וועלכע מען געפינט אפט ניט ביי די איירָאפּאער; אין פיעל זאכען, האט זיך ארויסגעוויזען, שטעהען די איירָאפּאער גאר ניט העכער פאר יענע ווילדע, און גאר צום סוף האט מען זיך דערוואוסט, אז פיעל זאכען וואס עקסעסטירען יעצט ביי יענע ווילדע פאלקער, האבען א מאל עקסעסטירט אויך ביי איירָאפּאער.

אין פערשיעדענע ערטער פון איירָאפּא האט מען אנגעהויבען געפינען געוואהר (כלי-זין), כלים און ציערונג, וועלכע זיינען גאנץ עהנליך צו די, וואס די ווילדע מענשען בענוטצען. די געלעהרנטע האבען בכיון געלאזט גראבען אין דער ערד און האבען דארט געפונען א מענגע אזאלכע זאכען. פראגט זיך: ווי קומט עס, וואס די געפונענע זאכען זיינען אזוי עהנליך צו די ווילדע מענשענס בעלי-בתישקייט, גלייך ווי איין מייסטער וואלט זיי געמאכט? — ניט אנדערש, אז אונזערע עלטער-עלטער-זיידעס פארצייטען האבען געפיהרט פונקט אזא לעבען, ווי די ווילדע מענשען היינט!

אט דא איז מען ערשט ארויף אויפ'ן ריכטיגען וועג, צו דערגעהען, ווי אזוי איז געוועזען אונזער אמאליגעס לעבען. מען האט נאר געברויכט גוט בעטראכטען וואס עס קומט-פאר היינט ביי די ווילדע פאלקער, זעהען ווי זיי לעבען, האט מען שוין געוואוסט ווי אזוי איז

געוועזן אמאל אונזער א י י ג ע ן לעבען... אין די ווילדע האבען מיר געפונען א לעבעדיגען ביישפיעל פון אונזערע אבות אבותינו...

און אז מיר האבען אזוי ארום געפונען דעם שליססעל פון אונזער אמאליגעם לעבען, זיינען די ווילדע געווארען נאך פיעל אינטערע-סאנטער אין אונזערע אויגען, מען האט נאך אויפמערקזאמער און מיט מעהר פלייס אנגעהויבען דורכשטודירען זייער לעבען, ווייל דאדורך האט זיך אלץ מעהר און מעהר געאפענט פאר אונז אונזער פערגאנגענהייט; אין דעם לעבען פון די ווילדע האבען מיר געפונען א נ'ענטפער אויף אזאלכע שאלות וואס די היסטאריע פון די איירא-פאאישע פעלקער האט אויף זיי ניט געקאנט ענטפערען...

די אייראפאער האבען אלזא אפגעזוכט זייער פארגאנגענהייט און האבען זיך דערוואוסט די געשיכטע פון דער גאנצער מענשהייט פון יענער גאנץ-אלטער צייט, ווען דער מענש איז נאך געשטאנען אויף אזא נידריגע מדרגה, אז ער האט קוים-קוים געקענט בעקומען מיטטלען צו דערהאלטען זיין לעבען; פון יענער צייט, ווען דער מענש איז געשטאנען גאנץ עלענד און איינזאם אין דער גרויזאמער נאטור, מיט וועלכע ער האט געמוזט שטענדיג פיהרען מלחמה, ניט האבענדיג דערצו קיין מיטטעל, אויסער די, וועלכע די נאטור אליין האט איהם געגעבען, נאר ער איז נאך געוועזן אזוי וועניג ענטוויקעלט, אז ער האט נאך ניט געוואוסט ווי ער זאל די דאזיגע מיטטלען אפזוכען און זיך געהעריג מיט זיי בענוטצען...

אלזא, די געשיכטע פון דעם מענשען הייבט זיך אזוי אן: דער מענש געפינט זיך אין דער גרויסער און רייכער נאטור, וואו ער קען האבען אלסדינג וואס ער דארף, ווען ער זאל נאר שכל האבען ווי אזוי אפזוכען און נעהמען וואס ער האט נאטהיג. נאר די זעלביגע נאטור ברענגט איהם אויך שאדען, טהוט אים אן ניט וועניג צרות. דער מענש שטעהט אין פיעל הינזיכטען ערגער ווי א חיה אין וואלד, דען איהם האט די נאטור ניט געגעבען ניט קיין הארטע האריגע הויט, זיך צו שיצען פאר קעלט, ניט קיין גבורה, שארפע נאגעל

אדער צאהן, זיך צו שיצען פאר זיינע פיינד. ער איז גאנץ עלענד און אהן שוטץ, און נאר דאן וועט ער קענען איבערשטייגען אלע איבריגע ברואים און שטעהן האכער ווי זיי, ווען ער וועט בעססער פון זיי וויססען, ווי בענוטצען זיך מיט די בלינדע כחות פון דער נאטור און וועט זיך אויסלערנען שטרייטען און מלחמה האלטען מיט דער דאזיגער פיינדליכער נאטור, בענוטצענדיג זיך טאקי מיט די מיטטלען וועלכע די זעלביגע נאטור אליין גיט איהם... אין דער דאזיגער מלחמה ווערען אלע זיינע פעהיגקייטען ענטוויקעלט, זיין שכל ווערט געשארפט, און סוף כל סוף איז ער מנצח די נאטור, זי מוז זיך אונטער איהם אונטערגעבען.

צו פיהרען א מלחמה מיט דער נאטור איז אבער איין מענש אליין ניט אים שטאנד. די שונאים זיינען זעהר פיעל און זעהר שטארק, און כדי צו בעשטעהן קענען זיי, מוזען פיעל מענשען זיך פאראייניגען צוזאממען, עס ווערט א גאנצע חברה, א געזעללשאפט, און איינע די אנדערע העלפען זיך, צו שטרייטען קענען דער פיינדליכער נאטור. -- דער קאמפף, די מלחמה מיט דער נאטור איז אלזא געוועזען אויך א שולע, א לערן-חדר פאר דעם געזעללשאפטליכען לעבען. דארט האט זיך דער מענש אויסגעלערנט און איינגעוואהנט צו לעבען בחברותא מיט אנדערע מענשען;

„דער מענש איז א געזעללשאפטליכע חיה" האט געזאגט דער גריכישער פילאזאף אריסטאטעלעס. און באמת, קיין רייזענדען איז נאך קיינמאל ניט פארגעקומען, צו טרעפפען א מענשען איינעם אליין, ווייל איין מענש אליין איז גאר ניט אים שטאנד צו עקסעסטירען, ער מוז זיך פאראייניגען מיט נאך אנדערע, ער מוז לעבען אין געזעללשאפט מיט נאך אנדערע מענשען, כדי ער זאל העלפען יענע און יענע זאלען איהם העלפען, צו שטרייטען און שיצען זיך פאר זייער אלעמענס פיינד.

דאס געזעללשאפטליכע לעבען האט זיך אלזא אנגעהויבען ביים מענשען באלד אין די ערשטע צייטען נאכדעם ווי ער איז געקומען אויף דער וועלט. די געזעללשאפט, ד"ה: דאס לעבען פון פיעל מענשען צוזאמען, האט געהאט פערשיעדענע פארמען, לויט ווי די אומשטאנדען האבען געפארדערט און לויט ווי עס איז נאטהיג געוועזען צום עקסיסטירען און קאמפען מיט דער נאטור ... ביסליכווייז איז דאס געזעללשאפטליכע לעבען געווארען שטארקער, ענטוויקעלטער, די שייכות פון איין מענשען צום אנדערן איז געווארען אלץ גראססער און פעסטער, ביז צום סוף האט דאס צוזאמען-לעבען אויסגעארבעט בײ זיי — א ש פ ר א כ ע. דורך דער שפראכע איז די מענשליכע געזעללשאפט נאך מעהר צוזאמענגעבונדען געווארען, ווייל דורך איהר האבען זיי ערשט רעכט געקענט פארשטיין איינער דעם אנדערן און דורך איהר איז ערשט רעכט אויסגעארבעט און אויסגעשליפען געווארען דאס בעסטע און וויכטיגסטע וואס דער מענש פארמאגט — זיין שכל! די שפראכע איז געוועזען איינע פון די גרעסטע מיטטעל, דורך וועלכע די מענשהייט האט הויך געשטיגען. דאס וואס דער טאטע האט געוואוסט, האט ער מיט ווערטער איבערגעגעבען זיין זוהן; די אלע ידיעות וואס די פריהעריגע דורות זיינען דערגאנגען, זייער גאנצע פראקטיק און געניטקייט, האבען זיי דורך דער שפראכע איבערגעלאזט פאר די שפעטעריגע דורות, און דאדורך פיעל פארלייכטערט און פארגרינגערט זייער ארבייט.

און אזוי איז דעם מענשענס לעבען וואס ווייטער אלץ איבערגעביטען געווארען און בעקומען א בעססערן פנים, זיינע ידיעות האבען זיך פון דור צו דור פארמעהרט, זיין שכל איז וואס א מאל געווארען אויסגעארבייטער, ער האט וואס אמאל בעקומען נייע און בעססערע איינפאללע, נייע און בעססערע בעגריפפען, השגות, וועלכע האבען ווידער געווירקט אויף זיין שטייגער לעבען. עס איז שוין אין איהם גאר ניט געוועזען צו ערקענען דעם אמאליגען ווילדען, אונבעהילפליכען, אונבעשיצטען מענשען, ער האט שוין גאר אנדערש געלעבט, אנדערש געטראכט און גאנץ אנדערש זיך אויפגעפיהרט ווי א מאל פארצייטענס ...

אלזא, אויף דער פראגע: פון וואס בעשטעהט די היסטאריע פון דער גאנצער מענשהייט, קענען מיר ענטפערען, אז זי בעשטעהט

פון דריי פונקטען: 1) פון דעם מאטעריאלען לעבען, ד"ה דאס ארט אונ שטייגער לעבען וואס אנבעלאנגט דעם גוף: 2) דאס געזעלשאפט-ליך לעבען, אונ 3) דאס גייסטיגע לעבען. אט די דריי זיינען די פעדים, פון וועלכע עס איז אויסגעוועבט די היסטאריע פון די מענשען אויף דער וועלט.

מען דארף אבער ניט מיינען, אז די דריי זאכען, וואס מיר האבען דא אויסגערעכנט, זיינען גאנץ אבגעטהיילט איינע פון די אנדערע אונ האבען קיין שום שייכות ניט איינע צו די אנדערע, אדרבא, זיי זיינען זעהר פעסט פארבונדען צווישען זיך, דען לויט ווי עס איז געוועזען דער מצב פון דעם מאטעריאלען לעבען, אזוי האט זיך געפארמעוועט דאס לעבען פון דער געזעלשאפט, אונ די ביידע שטייגער לעבענס, האבען זיך ווידער אפגעשפיגעלט אויף דעם גייסט, אויפ'ן שכל, וועלכער האט זיינער-זייטס געארבעט צו איבער מאכען אונ איבערפארמעווען זיי ביידען.

בכדי דער לעזער זאל בעססער פארשטיין וואס מיר האבען דא געזאגט, וועלען מיר איהם ברענגען א קליינעם ביישפיעל.

אין פיעל ערטער אין אזיען, וואו רייז איז דער עיקר שפייז פון די דארטיגע מענשען אונ ער ווערט פיעל געזייעט, ווי למשל אין אינדיען, האט דער מענש נאך פון קדמון געמוזט זוכען קינסטלי-כע מיטעל, ווי אזוי צו מאכען פייכט די ערד אויף וועלכע דער רייז וואקסט, ווייל אין יענע מקומות רעגענט זעהר ווייניג. מען האט געמוזט צו די פעלדער צוציהען וואססער פון די טייכען, גראבען קאנאלען, רינוועס אונ גראבענס וכדומה. נאר אזוי ווי איין מענש אליין איז ניט אים שטאנד דאס אללעס צו מאכען, דארום האבען זיך געמוזט פעראייניגען פיעל מענשען צוזאמען, געמאכט גרויסע גרופפעס (חברות) אונ אלע צוזאמען האבען געהארעוועט ביי דער ארבייט. אונ בכדי די ארבייט זאל זיך פיהרען אין געהעריגער ארדנונג, אז יעדער זאל ארבייטען וויפיעל ער ברויך אונ איינער דעם אנדערן זאל ניט קריווידען, די קאנאלען מיט די גראבענס זאל ניט קאליע ווערען אונ זיי אללע זאלען זיך קענען בענוטצען מיט די וואססער, — האבען זיי אויסגעקליבען פון זיך איינעם א נ'עלטסטען, וואס זיין פפליכט איז געוועזען, צו פיהרען אונ אכטונג געבען אויף דעם גאנצען עסק. דער

דאזיגער עלטסטער האט געהאט דאס רעכט צו שאפען מיט די מענשען אין דער ארבייט-צייט, פאדערן זיי זאלען געהן ארבייטען, שטראפען די וואס פאלגען ניט א. ד. ג. אלזא, ווי מיר זעהען, האבען די בעדינגונגען פון דעם מאטעריאלען לעבען, פון דער חיונה, פאראייניגט מענשען אין א גאנצער חברה, אין א געזעלשאפט, וועלכע האט זיך אליין אויסגעקליבען א נ׳עלטסטען, א הערשער, וואס האט געהאט די דעה אי אויף דעם מאטעריאלען עסק, אי אויף די מענשען פון דער גאנצער חברה.

ווי מיר האבען שוין פריהער געזאגט, איז דער מענש געווען געניימט און געצוואונגען צו פיהרען א שטאנדיגע מלחמה מיט דער נאטור, בכדי ער זאל קענען עקסעסטירען. ביסליכווייז האט ער אלץ מעהר גובר געווען, ערווארבען מעהר פאהיגקייט, מעהר געניטקייט, מעהר בעקוועמליכקייט אין לעבען. און דאס אלעס וואס ער האט זיך ערווארבען רופען מיר מיט דעם נאמען „קולטור". דעם מענשענס ערשטע שריט אויף דעם וועג, זיינע ערשטע ערווערבונגען און נצחונות רופען מיר געוועהנליך מיט דעם נאמען „אור-קולטור".

עס פארשטעהט זיך פאן זעלבסט, אז פיעל זאכען, וואס דער מענש האט ערווארבען גאר גאר פארצייטען, אין קדמון, אין דער צייט פון זיין אור-קולטור, געפינט זיך נאך עד היום ביי די העכסט ציוויליזירטע און אויסגעפיינערטע פאלקער. על כן בעדארף מען ניט מיינען, אז דאס פארצייטיגע איז שוין אריבער אויף אימער, אפגעשטארבען פאר אונז אויף עביג, ניין, זעהר אפט קומט אויס זיך איבערצייגען, אז פיעל פארצייטיגע זאכען עקסעסטירען נאך ביז היינטיגען טאג, און זיי היטען זיך ביי אונז, מיט א אונגעהייערע קראפט, זיי ווילען גאר ניט עבר ובטל ווערען, האטשי מען דארף זיי שוין היינט האבען אויף כפרות. די אורזאכע דערפון איז, ווייל געוועהנליך זיינען אויך אט די אלטע פארצייטיגע זאכען אנגעקומען אמאל מיט גרויס מיה און פיעל נויט-שוויים, און דעם מענשען, וואס היטעט ביז יעדער בראקעלע אלטדינג וואס ער האט איבערגענומען פון זיינע עלטערן, איז ניט אזוי לייכט צו אפזאגען זיך פון דער זאך וואס איז געווען נוטצליך פאר זיינע טאטעס, הגם פאר איהם אליין זיינען שוין פארהאנדען פיעל מעהר נוציגערע זאכען, וועלכע פאססען

פיעל בעססער צו זיין היינטיגע ארט לעבען. — דא שפיעלט וועהר א גרויסע ראליע די רגילות, די גערישה׳טע געוואהנהייט פון די עלטער־עלטערן, אונ וואס וועניגער די מענשהייט איז ענטוויקעלט, איז איהר אלץ שווערער צו אפזאגען זיך פון דעם שטייגער לעבען, וועלכען עס האבען געפיהרט די פריהערדיגע דורות...

מיר זעהען פון דעם ארויס, אז דעם מענשענס מלחמה מיט דער נאטור געהט ניט גאנץ רעגעלמאססיג. אמאל געהט זי פאר־ווערטס, דער מענש שטייגט אונ איז כסדר מנצח, אונ אמאל ווידער טרעפפען זיך אזאלכע סבות וואס איבערהאקען איהם דעם וועג, ער בלייבט שטעהן אונ קען ניט ווייטער געהן. מיר געפינען אין דער היסטאריע זאגאר פיעל פאקטען, ווי דער מענש פאלט גאר צוריק אונ האט א גרויסע מפלה, ווייל ער ווערט פארמאטערט אונ האט ניט קיין כח אויסהאלטען די שטאנדיגע מלחמה מיט דער נאטור.— דאס אלעס דארף דער לעזער האבען אין זינען אונ ניט מיינען אז עס איז אין דער ווירקליכקייט געשעהן אות־באות ווי עס איז געשיל־דערט אין ביבעל.

שרייבענדיג די געשיכטע פון דעם מענשענס קולטור, האבען מיר ניט פאר נאטהיג צו ערצעהלען, וויפיעל צרות דער מענש האט איבערגעליטטען אויף יעדען שריט, וויפיעל מפלות ער האט געהאט איי־דער איהם איז געלונגען אפילו די מינדסטע זאך, ווי־למשל מאכען זיך חאטש א ליימענעם טאפעל. יעדער קלענסטער נצחון, קען זיין, איז איהם אנגעקומען מיט גענוג גרינגע ווארים, אונ געוויס איז איהם וועהר אפט אויסגעקומען ארבייטען אומזאנסט, מאכען פינפציג מאל איין זאך אונ דאס לסוף אוועקווארפען ווייל עס האט ניט געטויגט. גאר דאס אלעס קעהר זיך ניט אן צו דעם וואס שרייבט די געשיכטע פון דער „קולטור" ד"ה פון די נצחונות וואס דער מענש האט איינגענומען אונ געוואונען אין דער מלחמה מיט דער נאטור, אבער ניט פון זיינע מפלות.

אין אונזער ביבעל וועט אלזא זיין אונזער צוועק, ארויסצוגעפי־נען דעם מארשרוט פון דעם מענשענס ענטוויקלונג אין אלע איהרע הינזיכטען, ד. ה. הן אין מאטעריאלען לעבען, ווי אזוי דער מענש האט זיך געשפייזט אונ פארזארגט די זאכען וואס זיינען נאטהיג פאר זיין

גוף , הן אין גייסטליכען אונ געזעלשאפטליכען לעבען. פריהער דארפען מיר בעטראכטען דעם מאטעריאלישען לעבען , ווייל — ווי מיר האבען שוין אויבען דערוויזען — ער איז דער פונדאמענט פון די צוויי לעצטע ; נאכדעם װעלען מיר רעדען פון זיי , ד"ה פון דעם גייסטליכען אונ געזעללשאפטליכען לעבען , מיר וועלען אבער זיי ניט אפרייסען איינעם פון די אנדערע , ווייל זיי זיינען פעסט צוזאמענגעקניפט אונ ווירקען איינע אויף די אנדערע.

די מאטעריאלישע אומשטעלונג פון דעם אורמענשענס (אמאליגעז) לעבען.

אין אנפאנג האט דער מענש נ׳ט געהאט קיין שום זאך, אוים ר די, וועלכע די נאטור אליין האט א הם אונפערמיטעלסט געגעבען; מאכען, בעשאפען עפעס האט ער נאך נישט געקענט; ער האט ניט געהאט ניט קיין קליידער, ניט קיין שפייז, ניט קיין וואהנונג. ווי האט דער מענש דאמאלסט, ביי א זעלכע אומשטאנדען געקענט לעבען? עס פערשטעהט זיך, אז דער מענש האט דאמאלסט געקענט לעבען נאר דארטען, וואו די נאטור אליין האט איהם אהן מיה געגעבען אי עססענווארג, אי א דירה אונ וואו מען דארף קיין קליידער נישט, ד. ה. אין דיווארעמע לאנ-דער. אפילו איצטער איז נאך דא אין אפריקא אונ אין אווסטראליע א פולע שבטים, וואס געהען הויל-נאקעט. עס פערשטעהט זיך, דאס קוים האט מען געקענט אויסקומען אהן קליידער, האט דער מענש זעהר לאנג נאר נישט געזארגט וועגען דעם. עס האט געקלעקט קאפ-דרעהענים א חוץ קליידער: מען האט גדארפט פערזארגען זיך עפעס וואס צו עססען; אויפזוכען מיט וואס זיך אפצוווארען פון די אילדע חיות, וועלכע זיינען אין יענע ארטער דא זעהר פיעל.

אום צו בעשיטצען זיך פון די ווילדע חיות, פלעגט דער מענש ארויפקריכען אויף א בוים. ניט זעלטען פלעגט דעם מענשען אויסקומען איבערצונאכטיגען אויף א בוים, ווי עס איז, צורעכט-מאכענדיג זיך אויף די געדיכטע צווייגען. אויסער די בוימער האט אפילו דער מענש געהאט נאך א מקום-מנוחה, וואו ער איז געווען כמעט ווי זיכער: ער פלעגט זיך בעהאלטען אין האהלען אדער אין שפאלטען פון בארג; נאר אזעלכע זיכערע ארטער זיינען ג׳ט אומעטום דא.

מיט וואס פלעגט זיך ערנאהרען דער אורמענש? עס איז כמעט אונמעגליך צו זאגען בעשטימט וואס איז געווען דעם אור-

מענשענס שפּייז. ער פֿלעגט געוויינטליך עססען אַלץ, וואָס האָט נאָך זיין מיינונג געטויגט צום עססען און איהם האָט וויניג אויסגעמאַכט וואָס דאָס איז געווען: אַ פֿלאַנצונג צו אַ חיה׳לע, אַ פֿליעגעלע צו אַ שֶׁרֶץ, אַבי מען קען דאָס עססען און שטילען דערמיט דעם הונגער. ער פֿלעגט עססען פֿרוכט, ניסס, וואָרצלען פֿון פֿערשיעדענע פֿפֿלאַנצונגען, נאָר ער פֿלעגט ניט בראַקירען מיט פֿליעגעלאַך, וואָרעמלאַך א. ד. ג.; ער פֿלעגט אויך עססען פֿראָש (זשאַבעס). אַפֿולע ווילדע פֿאָלקער עססען נאָך עַד־הֵנָּה שפּינען, באַבעלאַך און פֿערשיעדענע אַנדערע פֿליעגעלאַך און האַלטען דאָס פֿאַר די בעסטע געריכט; אַפֿולע לעקען פּשוט די פֿינגער פֿון פֿעלדגרילען און היישריקען. אונז קומט דאָס אויס קאָמיש מעהר ניט דערפֿאַר, וואָס מיר זיינען ניט געוויינט צו דעם, נאָר אַז עס מאַכט זיך אַ הונגער טרעפֿט אויך ביי אונז, אַז מענשען עססען מייז, וואָראָנעס און נאָך אַנדערע פּאַסקודסטוואָ. און אַזוי ווי דעם אורמענשען פֿלעגט זעהר אָפֿט אויסקומען צו ליידען הונגער און דערצו דאַרף מען דאָך ניט פֿערגעססען, אַז דער אורמענש האָט פֿון בעססערע מאַכלים ניט געוואוסט, איז דערייבער גאַנץ נאַטירליך, וואָס ער האָט ניט געבראַקירט מיט אַזעלכע שפּייז, דענן אַנדערש האָט ער ניט געקענט עקסיסטירען, ער וואָלט געשטאָרבען פֿון הונגער.

פֿון דעם וואָס מיר האָבען אַייך דערצאָהלט וועגען אורמענשענס שפּייז, קענען מיר אַרויסזעהן, אַז דער אורמענש האָט זיך ניט געקענט בעגנוגענען מיט היילע תְבוּאָה שפּייז (געוויקסע); זיין קאָרפּער פֿאָדערט אַמאָל אויך אַ פֿליישיגס; דאָס זעהען מיר אַרויס אויך דערפֿון, וואָס מענשען וועלכע עססען אַ לאַנגע צייט נאָר תבואה־שפּייז, קענען צום סוף ניט אויסהאַלטען און בעקומען אַ גרויסע תאוה צו פֿלייש. מען דערצאָהלט אַ־נ־אָמתע מעשה, דאָס אַמאָל זיינען אין אַפֿריקאַ געפֿאָהרען רייזענדער און האָבען עטליכע חדשים געשפּייזט זיך מעהר ניט מיט היילע סוכאַרעס, זיי האָבען אַזוי געגאַרט נאָך פֿלייש, דאָס דערזעהענדיג אַפֿפֿען (מאַלפּעס) זיינען זיי מיט ווילדקייט ווי פֿון אַ באָזע חיה אָנגעפֿאַלען אויף זיי און געפֿרעססען זיי מיט גרויס חֵשק. און בכלל האָט מען ניט

געטראָפען ניט איין ווילדע פאָלק, וועלכע זאָלל זיך ערנאָהרען מיט היילע געוויקסע. עס קען גרייליך זיין דאָס איבער דעם מענשענס תאוה צו פלייש איז אַרויס געקומען די מענשענפרעססעריי. דער אורמענש האָט געקענט ערפיללען זיין תאוה צו פלייש מיט'ן חאַפּען קליינינקע בריה'לאך: ער פלעגט אָדער אויסזויגען פון זיי דאָס בלוט, אָדער אויפעססען זיי אין גאַנצען רויהערהייט.

עס פערשטעהט זיך, דאָס דער מענש, ערנאָהרענדיג זיך אויף אַזאַ-נ-אופן, האָט ניט געקענט האָבען קיין בעשטאָנדיגע דירה; ער האָט געמוזט שטענדיג אַרומשלעפען זיך, זוכענדיג שפייז, און אַ בעשטאָנדיגער וואָהנאָרט האָט איהם געקענט מעהר ניט ווי שטערען. און בכלל איז איהם גאר אין זיננען ניט אַריין קלעהרען וועגען אַ בעשטאָנדיגען וואָהנאָרט, דענן אַזאַ מין געדאַנקען האָט זיך נאָר דאַן געקענט געפינען ביין מענשען ווען ער האָט שוין געהאַט אַ בעשטאָנדיגען און אַ בעשטימטען מָקור אויף חִיוּנָה: אָבער אין דער צייט וועגען וועלכער מיר ריידען דאָ, האָט דאָס דער מענש נאָך ניט געהאַט.

דעם אורמענשענס בעקוטען לעבענסמיטעל האָט איהם גענעבראַכט דערצו, דאס ער האָט אָ געהויבען צו בעטראַכטען די נאַטור. ער פלעגט בעמערקען, וואו ער פלעגט אָפטער געפינען וואַסערע עס איז נוטציגע פרוכט, וואָרצ'לען; ער פלעגט זיך איינצייכענען אויף וועלכע געוויקסע עס פיהרט זיך די אדער יענע פליגעלאַך, וועלכע ער פלעגט עססען. אַחוץ דעם פלעגט ער זיך איינצייכענען אין וועלכע צייט ער פלעגט געפינען די אָדער יענע עססענוואַרג. אַרומשלעפענדיג זיך אָט אַזוי פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען, האט זיך דער מענש איינגעפיהרט אַ בעשטימטען לעבענסאַרט. עס פלעגט אָנקומען די צייט, ווען עס פלעגט פאַרטיג ווערען די פרוכט, פלעגט ער זיך אַריבערגעהן אין יענע אָרטער, וואו ער פלעגט אין די פריהערדיגע יאָהרען געפינען די שפייז, און אויף אַזאַ-נ-אופן פלעגט דער מענש, פונקט ווי די זוממער-פאָגעל, שטאָנדיג אַרומוואַנדערען פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלען ווי פיל שטערונגען דער

מענש פלעגט בעגעגענען, ערווערבענדיג זיך אויף אזא-נ-אופן זיין חיונה. דאס איז די פרוכט געהאנגען צו הויך, דאס זיינען די ווארצלען געלעגען צו טיעף אין די ערד, דאס קוים מיט צרות מען האט זיי געקענט ארויסקריגען פון דארטען, די ניסס פלעגט ער אויך ניט אלע מאל קענען צוקנאקען מיט די צאהנער. דעם מענשענס אייגענע אברים האבען אלוא ניט געקענט אויספיהרען אלע ארבייט, וועלכע דער אורמענש האט געדארפט, אונ ער האט געמוזט אנקומען צו געצייג. קיין געצייג האט ער ניט געקענט אונ ניט געוואוסט ווי צו מאכען, פלעגט ער דעריבער מוזען בענוטצען זיך מיט די געצייג, וועלכע מען קען געפינען אין דער נאטור פארטיגע. אזעלכע געצייג זיינען געוועןשטיינער אונ פלאקער. מיט א פלאקען פלעגט ער קענען אראבררייסען א פרי, וועלכע איז געהאנגען צו הויך אונ ער האט ניט געקענט דערגרייכען מיט'ן האנד; מיט א שטיין האט ער געקענט צושפאלטען די הארטסטע נוסס; מיט א שפיטציגען פלאקען האט ער געקענט פונאנדער גראבען די ערד אונ לייכטער בעקומען פון דארטען א געשמאקען ווארצעל. די פראקטיקע האט באלד דערוויזען וואס פאר א-נ-אויסזעהן עס דארף האבען דער פלאקען, א שטיין פלעגט מען אויסזוכען אזא, וואס זאלל בעססער טויגען צו דער ארבייט. אט די איינפאכע געצייג בענוטצט דער אורמענש אונ הויבט אן צו צופאסען זיי צו אלע פערשידענע ארבייט, וועלכע איהם פלעגט שטענדיג אויסקומען צו טאהן. בעמערקענדיג, אז מיט איין שטיין קען מען צוברעכען דעם אנדערען, האט דער מענש אנגעהויבען צו טשעסען שטיינער אונ צו געבען זיי אזא פארמע, וועלכע איז געווען, נאך זיין מיינונג, נאטהיג אונ בעססער צו דער ארבייט (זעה פיגור 1.*). אז ער האט געדארפט שניידען מיט א שטיין, פלעגט ער איהם טשעסענדיג מאכען שארף; אז ער האט געדארפט בויערען מיט א שטיין, פלעגט ער איהם ארום שפיצען. די אלע געצייג פלעגט מען געוויינטליך מאכען פון פייער שטיינער, ווילע זיי שפאלטען זיך לייכט אויף אלערליי שטיקער. אזעלכע

*) דיא פיגורען (ריסונקעס) געפינען זיך בעזונדער געדרוקט אין ענדע ביכעל.

שטיינערנע געצייג געברויכען נאָך עד היום אַפּו׳ע ווילדע שבטים, און עס איז ניטאָ ניט איין מדינה, וואו מען זאָל ניט געפינען אַלטע שטיינערנע געצייג. אויך ביי אונז אין רוססלאַנד געפינט מען אומעטום אַזעלכע שטיינערנע געצייג, דאָס דערוויזט אונז, אַז אויך די רוססען האָבען גאָר-פאַרצייטען גענוצט שטיינערנע געצייג. דער פּראָסטער המון גלויבט, אַז די שטיינער האָבען אַ הייל-קראַפט, ד. ה. אַז מען קען מיט זיי אויסהיילען פערשיעדענע קראַנקהייטען, און ער מיינט אַז זיי פאַלען אַראָב בעת עס דונערט. דער רוססישער המון רופט זיי דעריבער „דעם דונערס פיילען".

וויטער, דער מענש, ווילענדיג האָבען אַזאַ געצייג, מיט וועלכען ער זאָלל קענען געבען אַ שטאַרקען קלאַפּ, איז ער געפאַלען אויף די המצאה צוזאַממענצובינדען אַ שטיין מיט אַ פלאָקען. אַזאַ געוואָהר איז אויך געווען אַ סך בעקוועמער צו האַלטען אין האַנד. דעם שטיין פלעגט מען צופּאַסען צום פלאָקען און צוזאַממענבינדען מיט וואָס עס איז פאַר אַ פאָדעמדיגע געוויקס (קאָנאָפּלעס, קראָפּיווע און אַנדערע) אָדער מיט קאָרע פון וואָסערען עס איז פאַר אַ בוים (לוב). פון אַזאַ צוזאַממענגעבונדענעם שטיין מיט אַ שטעקען פלעגט זיך בעקומען אָדער אַהאַממער, אויב דער שטיין איז געווען אַ טעמפּיגער, אָדער אַ האַק, אויב דער שטיין איז געווען אַ שאַרפער. אָפט פלעגט די זעלביגע געצייג דיענען אי אַלס אַ האַממער, אי אַלס אַ האַק. (זעה פיגור 2).

נאָך דעם האָט מען אָנגעהויבען אויסצובעסערען אויך די געצייג, מיט וועלכע מען פלעגט אַרויסגראָבען פון דער ערד וואָרצלען. די געצייג איז בעשטאַנען פון אַ שטעקען מיט אַ-נ-איינגעבויגענעם שפּיציגען בּרעג, מיט וועלכען מען האָט געקענט פונאַנדער גראָבען די ערד. איצטער האָט מען אָנגעהויבען צוצובינדען אַלאָנגלעכדיגען און אַ שפּיציגען שטיין צו דעם אויסגעבויגענעם בּרעג. עס פערשטעהט זיך, אַז מיט דער געצייג איז געווען בעססער צו אַרביימען; אַ חוץ דעם איז דאָס געווען דויערהאַפטיגער און עס פלעגט זיך ניט צערשפּליטערען אַזוי גיך ווי האָלץ.

איצטער איז שוין דער מענש געווען געניט בעוואפּענט, דאָס ער האָט שוין געקענט אָנהייבען צו שטרייטען אויך מיט אזעלכע חיות, מיט וועלכע ער האָט פאַר דעם ניט געקענט שטרייטען; איצטער האָט ער שוין געקענט צוהרג'ענען אויך אזעלכע שטאַרקע חיות, מיט וועלכע ער האָט פאַר דעם מורא־מורא געהאַט צו טשעפּען זיך. איצטער הויבט דער מענש זיך אָן צו בעשאַפטיגען מיט דער יאַגד (פּאָלעוואַניע) און אויסצו־טראַכטען פערשיעדענע געוואָהר, מיט וועלכע מען זאָלל קענען טוידטען אַ חיה אויף אַ רעכטען שטח ווייט פון זיך. ער פּאַסט צו צו אַ פּלאָקען אַ שטיין, בינדט זיי צוזאַמען און בעקומט אויף אזא־נ־אופן אַ שפּיז, וועלכען ער דאַרף מעהר ניט מיט איםפּעט אַ וואַרף טאָהן, כדי אָנצוטרעפען און צו הרג'נען אַ חיה.

אזוי ווי דער מענש האָט ניט אַלע מאָל געקענט דערלאַנגען מיט'ן האַנד אזא שטאַרקען קלאַפּ, ווי עס האָט זיך געפּאָדערט, דעריבער האָט דער מענש שטענדיג נעקלעהרט ווי צו פערשטאַר־קען דעם קלאַפּ. לכתחילה האָט ער אויסגעקלעהרט אַ בעזונדערען געוואָהר צום וואַרפען, אַ שליידער־האָלץ; דאָס איז בעשטאַנען פון אַ שטעקען, אין וועלכען איין ברעג איז געווען איינגעשפּאָלטען; אין שפּאַלט פלעגט מען אריינשטעלען אַ ברעג שפּיז, און נאָך דעם בעת וואַרפען פלעגט דער שטעקען אזוי ווי אונטערטרייבען דעם שפּיז און דערמיט אַ פולע פערשטאַרקען דעם קלאַפּ. צו דעם איינענעם ציעל פלעגט דער מענש בענוטצען זיך אויך מיט שטריק, וועלכער ער פלעגט פערפאַרטיגען פון פאַדעמדיגע געוויקסע, נאָר די קינסטליכסטע המצאה איז געווען דער „פייל און בויגען" (זעה פיגור 3). דאָס איז אויך אזא מין געצייג צום וואַרפען אַ שפּיז, מעהר נישט איצטער האָט מען אָנגעהויבען צו ניטצען אַ קירצערען שפּיז און מען האָט דאָס גערופען מיט אַ־נ־אַנדער נאָמען — פייל. אַ בויגען בעשטעהט פון אַ־נ־אויסגעבויגענע ווייכע ווייצקע, למשל, פון אַ טראָסט (ראָהר־שטעקעל); דיא ברעגעס פון דער ווייצקע זיינען צוזאַמענגעצויגען מיט אַ שנירל. די שנירל קומט דעריבער אויס פעסט אָנגעצויגען, דעם פייל לייגט מען מיט'ן טעמפּיגען ט צום שנירל און צוהאַלטענדיג מיט איין האַנד די ווייצקע,

ציהט מען מיט דער אַנדערע האַנד אָן דעם פֿייל מיט די שנירל, נאָך דעם אַז מען לאָזט אָב די שנירל, לאָזען זיך ביידע ברעגעס פֿונאַנדער, די שנירל שפּרינגט אָב און גיט מיט גרויס איםפּעט זייט אַ וואָרף דעם פֿייל.

אין דער הַמְצָאָה פֿון דעם פֿייל-און-בויגען ליעגט פֿיעל פּראַקטיקע און גרויס חכמה, וועלכע זיינען אָנגעקומען דעם אור-מענשען מיט גרויס מאַטערנים. אום צו קענען מאַכען אַ פֿייל-און-בויגען, האָט דער מענש פֿריהער געמוזט בעמערקען, אַז צווייגלאַך האָבען אַ טבע פֿונאַנדער צו בייגען זיך נאָך דעם ווי מען בייגט זיי צוזאַמען. נאָר דאָס אַליין איז נאָך געווען ווייניג: ער האָט נאָך געמוזט די בעזונדערע חלקים פֿעראייניגען אין איין געצייג, וואָס אין דער נאַטור האָט דער מענש דאָסגלייכען ניט געזעהן. דאָ האָט זיך שוין בעוויזען דעם מענשענס ערפֿינדליכער שכל, זיין פֿעהיגקייט אויסצוטראַכטען און בעשאַפֿען נייעס.

יעדער בעזונדערע טהייל פֿון פֿייל-און-בויגען בעווייזט די גרויסע ערפֿאַהרונג פֿון מענשען, און דאָס צוזאַממענשטעלען די אַלע טהיילען אין איין געצייג בעווייזט, אַז דעם מענשענס שכל האָט שוין אַפֿולע געקלעהרט איבער אַלעס, וואָס ער האָט בעמערקט; עס בעווייזט, אַז דער מענש האָט שוין געקענט בע-מערקען אייניגע פֿהיזישע אייגענשאַפֿטען פֿון פֿערשיעדענע קער-פּער; ביז אַהער פֿלעגט דער מענש מעהר נישט נאָכמאַכען די בעסערע געצייג, וועלכע ער פֿלעגט געפֿינען פֿאַרטיגע אין דער נאַטור; בענוטצענדיג זיך מיט די אַלע ידיעות און פּראַקטיקע, האָט דער מענש געמאַכט גאָר אַ נייע געצייג. דער פֿייל-און-בויגען איז שוין געווען אַזאַ פֿאָלקאָמענעס און בעקוועמעס געוועהר דאָס קיין בעססערע האָט מען שוין גאָר ניט געדאַרפֿט און מען האָט ניט געזוכט, און מעהר ניט די פֿייערשיסענדע געוועהר האָבען איהם געקענט פֿערבייטען און אַרויסברייגגען פֿון מאָדע.

אמת, דער פֿייל-און-בויגען איז שוין גאָר אַ שפּעטערדיגע ערפֿינדונג, נאָר מיר האָבען וועגען איהם גערעדט איצטער, כדי צו ענדיגען אונזער שמועס וועגען דעם מין געצייג. בכלל ריידענ-דיג, קענען מיר מעהר ניט וויסען ריכטיג די היסטאָריע פֿון יעדער

איינציגען געצייג בעזונדער. ד"ה מיר קענען וויסען וואָס פֿאַר אַ
געצייג מענשען האָבען גענוצט איידער זיי האָבען געהאַט דעם
אָדער יענעם געצייג און וואָס פֿאַר אַ געצייג זיי האָבען אָנגעהויבען
ניטצען נאָך דעם; אָבער מיר קענען בשום אופן ניט וויסען
די צייט, ווען מען האָט גענוטצט די אָדער יענע געצייג. מיר
קענען ניט בעשטימען וועלכע געצייג האָט דער מענש גענוטצט
אין דער אָדער אין יענער עפּאָכע פֿון זיין לעבען, מיר קענען
דאָס ניט ריכטיג וויסען דערפֿאַר, ווייל אין דערזעלביגער צייט
ווערען גענוטצט פֿערשיעדענע געצייג; געוויינטליך געפֿינען מיר,
דאָס חאָטשי עס איז שוין ערפֿונדען אַ נייער מיטעל, נייע געצייג,
פֿון דעסטוועגען נוטצט נאָך דער עולם אויך די אַלטע געצייג, — נאַטירליך ווייניגער ווי פֿאַרדעם. דעריבער קומט נאַטירליך
אוים צו ריידען וועגען די געצייג, וואָס געהערען צו פֿערשיעדענע
צייטען, מעהר נישט צו בעווייזען זייער ענטוויקלונג, צו בעווייזען
וויא אַזוי פֿון איין פֿאָרמע געצייג קומט אַרוים אַ-נ-אַנדערע,
אַ בעססערע, וועלכע טויג בעססער צו דער אָדער יענע אַרבייט.
אַלזאָ קענען מיר מעהר נישט וויסען בְּעֵרֶך דעם סֵדֶר פֿון דעם
מענשענס ערפֿינדונגען.

אַזוי ווי דער אורמענש פֿלעגט זיך ערנאָהרען מיט פֿערשיעדענע טהיילען (מיט די וואָרצלען, פּרות און ד. ג.) פֿון אַפֿולע
געוויקסע, האָט ער דעריבער אָנגעהויבען צו בעמערקען דעם
לעבען פֿון די געוויקסע. און אויף אַזאַ-נ-אופן האָט ער לייכט
געקענט בעמערקען, דאָס אויף דעם אָרט, וואו עס פֿאַלט אַראָב
אַ קאָרנ'דל, וואַקסט אַרוים אין איינינע צייט אַרום אַ דערע,
פּונקט אַזעלבענע קאָרנדלעך ווי דער, וועלבער עס איז אַראָבגעפֿאַלען. דער מענש האָט דאָס געקענט פֿיעל מאָל זעהן און דאָך
איז ער ניט געפֿאַלען אויף די המצאָה בכיון איבערצולאָזען אביסעל
קאָרנער, כדי צו בעקומען נאָכדעם פֿון די אויסגעוואַקסענע
מעהרער, וויפֿיל ער האָט פֿערזייעט. און אַגב איז טאַקי גאָר
אונמעגליך געווען צו קלעהרען וועגען דעם. ערשטענס, האָט
דער אורמענש, ווייל ער האָט שטענדיג געהאַט ווייניג עססענוואַרג, זעהר נעקאַרגט און געשזאַלעוועט אין ניוועץ צו ברייננען

אפילו איין קאָרנ'דל. אמת, מיט דער צ ט ו ע ז נון דעם איין קאָרנ'דל ווערען אַפּולע, אָבער דער אורמענש האָט ניט געקענט זיין קיין שפּעקוליאַנט. אַחוץ דעם, ווען ער וואָלט שוין אפילו געוואָלט שפּעקולירען מיט אַ ביסעל קאָרנער, האָט דאָס איהם און ניט געלוינט, דענן, אַרומשלעפּענדיג זיך פֿון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען, האָט ער ניט געקענט האָפֿען, אז ער וועט אַליין שניידען, וואָס ער וועט איצטער פֿערזייען.

נאָר אַלץ קָשֶׁה, ווי-שזע איז פֿאָרט דער מענש געפֿאַלען אויף די המצאה צו פֿערזייען, כדי נאָכדעם אַראָבצונעהמען מעהרער? ערשטענס, האָט דער אורמענש די ערשטע פּראָבע געמוזט מאַכען מסתמא מיט אַזעלכע קאָרנער, וועלכע ער האָט געהאַט אַפּולע און האָט ניט געדאַרפֿט שזאַלעווען אַ הויפֿעל זְרִיעָה. אַחוץ דעם, האָט דער אורמענש געמוזט זייען אַ פֿריהער אַ-נ-איין-יאָהריגע פּפֿלאַנצונג, וואָרום אויף אַפּיעל-יאָהריגע פּפֿלאַנצונג וואָלט איהם געוועזן צו לאַנג צו וואַרטען, און דער מענש האָט דאָס געקענט בעמערקען מעהר גישט דאַן, אז ער האָט שוין געלעבט בעשטאָנדיג אויף איין אָרט.

אַזעלכע תבואות האָט דער מענש געקענט געפֿינען אַפּולע. אין אַמעריקאַ פֿלעגט מען זייען קוקוריזאַ (טערקישע ווייץ). דער מין תבואה געראָטה זעהר: אויף יעדער שטענגעל, וועלכער וואַקסט אַרויס פֿון איין קאָרן, געפֿינט זיך עטליכע קאָפּעלאָך (שישקעס), ויעלכע זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט גרויסע קאָרנער. אין דָרום-אַזיע איז אויך פֿאַראַן אַזאַ מין געוויקס — דאָס איז ר ייז, וועלכע ביי גוטע אומשטאָנדען געראָטה זעהר גוט און פֿערמעהרט זיך זעהר פֿיעל מאָל.

אַז דער מענש איז געקומען אין די קאַלטע אָרטער, האָט ער שוין ניט געקענט מעהר בעאַרבייטען די זעלביגע געוויקסע, וועלכע ער פֿלעגט בעאַרבייטען אין די וואַרעמע מקומות; נאָר דערפֿאַר האָט ער דאָ געפֿונען אַנדערע געוויקסע און ער האָט אָנגעהויבען אויף זיי אויסצופּרובען זיינע פֿריהערדיגע פּראַקטיקע, ער האָט אָנגעהויבען צו זייען די נייע געוויקסע, די פּראָבע האט זיך איינגעגעבען; די פֿערזייעטע קאָרנער האָבען אַרויסגע-

שפּראָצט, זיינען אויסגעוואַקסען און דער מענש האָט אַראָבגענומען אַפּילע מעהרער, וויפיל ער האָט פֿערזייעט. שפּעטער, זייענדיג זיכער אַז ער וועט אַראָבנעהמען די פֿערזייעטע מיט רֶוַח, האָט דער מענש אָנגעהויבען צו זייען אַלץ מעהרער און מעהרער. הירז איז איינע פֿון די גאָר-גאָר פֿערצייטיגע תבואות און אַמאָל איז זי געווען אום-עט-אום זעהר בעוואוסט. אַ סך אַפֿריקאַנער פֿאָלקער זייען נאָך עד-היום אַפּילע פֿערשיעדענע מינים פֿון די תבואה. עס איז פֿאַראַנען אַפּילע רְאָיות, וועלכע בעווייזען, אַז אויך ביי די אייראָפּאָער איז אַמאָל געווען הירז דער עיקר שפּייז.

נאָך דעם האָט מען אָנגעהויבען צו בעאַרבייטען גערשטען, ווייץ און קאָרן. די אַללע מינים תבואה פֿלעגט מען געוויינטליך זייען נאָר אין יענע אָרטער, וואו זיי וואַקסען לייכט, פּונקט ווי עס קומט פֿאָר אין דער איצטיגער-צייט, דאָס מען זייעט יעדער זאַך אין דעם אָרט, וואו עס געראָטה בעססער.

מיט דער צייט האָט דער מענש בעמערקט, דאָס אַז מען מאַכט די ערד אַ ביסעל ווייכער און נאָכדעם וואַרפֿט מען דאָרטען אַריין די קאָרנער, וואַקסען די אַלע מינים תבואה אַ סך בעססער, דאָ האָט אָנגעהויבען דער מענש צו בענוטצען די זעלביגע געצייג, מיט וועלכע ער פֿלעגט אַמאָל אַרויסגראָבען פֿון ד׳ערערד וואָרצלען. נאָר אַזוי ווי איצטער האָט דאָס גענוטצט אַסך אַ קליגערער און אַ סך אַ פּראַקטישערער מענש, פֿערשטעהט זיך, אַז ער האָט דעם זעלביגען געצייג אויסגעבעססערט. מען פֿלעגט מאַכען אַ לאַנ-געדע האָנדטיל, אויב מען האט געדאַרפֿט; אַז מען האָט געוואָלט אויסגראָבען טיעפֿער פֿלעגט מען דעם אויסגעבויגענעם שפּיטץ מאַכען גראָססער, דאָס איז אַלץ געווען אין אָנהויב, אָבער נאָך דעם, אַז מען האָט שוין אָנגעהויבען צו זייען אַ סך תבואָה, איז שוין געווען שווער צו באַגעהן זיך מיט דעם געצייג און פֿאַר יעדער קאָרנ׳דל גראָבען אַ בעזונדערע גריבעלע און מען איז געפֿאַלען אויף די המצאה אויסצוגראָבען מיט אַמאָל אַ לאַנגע וואַגע, אין וועלכע מען קען מיט אַמאָל פֿערזייען אַפּילע קאָרנער. שפּעטער צו האָט זיך פֿון דעם זעלביגען געצייג ענטוויקעלט אַ סאָכֿע, וועלכע איז געווען אַנדערש אין פֿערשיעדענע אָרטער,

נאַבּ׳ן אָרט און נאָך די נאָטהיגקייט. גאָר צום סוף האָט זיך דער-
פון ענטוויקעלט אַ פּפלוג. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז שוין
גאָר אַ שפּעטערדיגע ערפינדונג, ווארום מיט אַ-ן-אַקער-אייזען
קען מען זיך מעהר ניט דאַן בענוטצען, אַז מען האָט שוין הויז-
ליבּע בהמות און מען בענוטצט זיי צו פעלד-אַרבּייט.

דאָס בעשאַפטיגען זיך מיט זייען און פּפלאַנצען פערשיעדענע
תבואות איז, פערשטעהט זיך, מחייב, אַז דער מענש האָט שוין
אַ רעבּטע צייט געוואָהנט אויף איין בעשטימטען אָרט. מיר האָבען
שוין פריער געזאָגט, דאָס אַרום וואַנדערענדיג פון איין אָרט אויפ׳ן
אַנדערען זובּענדיג שפּייז, פּלעגט דער מענש איינצייבּענען זיך
דעם אָרט און די צייט, וואו און ווען ער פלעגט געפינען די אָדער
יענע עססענוואַרג. און אַז עס פלעגט קומען די צייט, ווען עס
ווערט פאַרטיג די פּרות פלעגט ער אַוועקגעהן אַהין; נאָך דעם
פּלעגט ער זיך אַריבּערגעהן אין אַ-ן-אַנדער אָרט און אַזוי כסדר,
און אויף אַזאַ-ן-אופן האָט זיך בעשטימט דער שטח, אין וועלכען
דער מענש פלעגט אַרומוואַנדערען הין און צוריק. איצטער אָבער
האָט ער שוין געמוזט זיטצען אויף איין אָרט, לכל הפּחות, ביז
עס פלעגט פאַרטיג ווערען די פערזייעטע תבואה. עס פערשטעהט
זיך, אַז ער האָט געקענט אַ מאָל איבּערגעהן פון איין אָרט אויפ׳ן
אַנדערען, ווען ער האט דעם לעצטען געפונען פאַר נוטציגער,
און אַמאָל פלעגט ער טאקי גאָר ניט ווילענדיג מוזען בּייטען זיין
וואָהנאָרט, דהיינו אויבּ די ערד איז נאָך עטליבּע מאָל זייען
אויסגעמאָגערט געוואָרען, אַז מען האָט אויף איהר מעהר ניט
געקאָנט זייען.

מיר האָבען שוין פריער גערעדט וועגען דעם, אַז דער
מענש קען ניט אויסקומען אָהן פלייש-שפּייז. פערשיעדענע פרוכטען
און אַנדערע תבואה-שפּייז האָט ער געקענט בעקומען, ניט האָ-
בענדיג אפילו קיין שום געצייג; אָבער פלייש האָט ער געקענט
בעקומען מעהר נישט, ווי דורך פאַלעוואַניע, וועלכּע עס איז
אונמעגליך געווען פאַר׳ן מענשען צו פיהרען ניט האָבענדיג קיין
שום געוועהר. אמת, אַזעלכּע לעבּעדיגע זאַכען, ווי, למשל,
וואָרם, פליענעלאַך און ד. ג. האָט דער מע״ש געקענט בעקומע,

אָהן געוועהר אויך, אָבער מיר ריידען וועגען פֿלייש פֿון וואַרעם־בלוטיגע, מילכֿזויגענדע חיות און פֿויגלען.

געהן אויף פּאָלעוואַנע איז געווען אַ גרויסע קאָפּדרעהעניש און זעהר אַ שווערע אַרבייט, בעזאָנדערס, איידער עס איז נאָך געווען פֿאָלקאָממע געוועהר, ווי, למשל, דער פֿייל־און־בויגען. עס פֿערשטעהט זיך, אַז די ווייבער האָבען ניט געקענט נעהמען קיין אַנטהייל אין דער אַרבייט; זיי האָבען גערדאַרפֿט מיטנעהמען און קאָרמענען די קינדער, און דאָס וואָלט אַפּולע געשטערט צו דער אַרבייט. די ווייבער האָבען אַלזאָ געמוזט בעגנוגענען זיך מעהר ניט מיט תּבואָה־שפּייז, וועהרענד די מאַננסלייט האָבען שוין געקענט בעקומען אַנדערע שפּייז אויך. ביי איינינע ווילדע שבטים טאָרען דעריבער טאַקי די ווייבער ניט עססען קיין פֿלייש. אַזוי ווי די ווייבער פֿלעגען מעהר פֿאַר די מאַננסלייט זוכען תּבואָה־שפּייז און דעריבער, פֿערשטעהט זיך, זיינען זיי מעהר געווען בעקאַנט מיט די געוויקסע, קען גרייליך זיין, אַז זיי זיינען דאָס געפֿאַלען אויף די המצאה צו פֿערזייען קאָרנער, כדי עס זאָלל אַרויס וואַקסען מעהרער. וְהָא רַאֲיָה, ביי אַפּולע פֿאָלקער איז טאַקי ערד־אַרבייט — אַ ווייבערשער עסק.

די ווייבער האָבען אַלזאָ געפֿונען אַ מיטעל, ווי צו בעקומען מיט וויינינער פּראַצע מעהרער תּבואָה; די מאַננסלייט פֿלעגען נעהמען ביי די ווייבער אַ טהייל פֿון זייערע תּבואָה און דערפֿאַר פֿלעגען זיי זיי געבען אַ טהייל פֿון זייערע יאַגד־רויב.

ביידע צְדָדִים אי די ווייבער, אי די מאַננסלייט האבען שוין אויף אַזאַ־נ־אופֿן געהאַט זייערע נייטיגסטע שפּייז און דעריבער האָבען זיך איצטער די מאַננסלייט נאָך מעהרער געקענט איבער־געבען זייער בעשאֶפֿטיגונג — דער פּאָלעוואַניע. די יאַגד־רויב איז דאָך ניט קיין בעשטאֶנדיגער, געוויסער מקור אויף חיונה: אַמאָל גילט עס און מען חאַפּט צו פֿיעל און אַמאָל קומט אויס צו קומען אהיים גאָר מיט ליידיגע האֶנד — אָט דאָ פֿלעגט שוין דורכֿ־טראָגען די תּבואָה־שפּייז, וועלכֿע די ווייבער פֿלעגען ערווערבען. אַ חוץ דעם קומט אָפּט אויס צו זיין אַלאַנגע צייט אין וואַלד און ווען דער מענש וואָלט ניט געהאַט מיטצונעהמען מיט זיך

עפּעס עססענוואַרג, וואָלט איהם אויסגעקומען צו הונגערען. ווארום ניט אַלע מאָל קען מען געפֿינען אין וואַלד וואָס צו עססען. איצטער אָבער האָט ער זיך געקענט אָנגרייטען וואָס צו עססען און דאָס האָט אַפֿולע פֿערגרינגערט דעם מענשען די פּאָלעוואַניע. אויף אַזאַ-נ-אופֿן איז צוטהיילט געוואָרען די אַרבייט אין דער בַּעֲלֵי-בַּתִּישקייט צווישען מאָננער און פֿרויען.

די קאָרנער פֿון פֿערשיעדענע געוויקסע וועלכֿע זיינען איצטער געווען דעם מענשענס עיקר אכילה, זיינען אָפֿט געווען בעדעקט מיט אַ האַרטען שאָלעכֿץ, ווי, למשל, האָבער; אַנדערע קאָרנער זיינען אפילו ניט בעדעקט מיט קיין האַרטען שאָלעכץ, אָבער זיי זיינען אין גאַנצען זעהר האַרט, דאָס עס איז זיי זעהר שווער צו צוקייען. כּדי אַראָפּצושיילען די שאָלעכֿץ און צובראָקלען די קאָרנער האָט דער מענש אָנגעהויבען צו ניטצען שטיינער, אָדער ער פֿלעגט שטויסען די קאָרנער מיט איין שטיין, אָדער ער פֿלעגט אַריינלייגען די קאָרנער צווישען צוויי שטיינער און צורייבען זיי. דאס איז געווען די ערשטע מיהל, וועלכֿע דער אורמענש האָט אָנגעהויבען צו ניטצען, דערנאָך האָט מען דיזעל-ביגע מיהל אויסגעבעססערט; דער אונטערשטער שטיין פֿלעגט ליגען אויף אַ-נ-אָרט און מעהר נישט דעם אויבערשטען שטיין פֿלעגט מען דרעהען און אויף אַזאַ-נ-אופֿן האָט זיך בעקומען אַ האַנד-מיהל.

פֿון דעם אַרט האַנד-מיהלען האָבען שוין די גריכֿען גע-וואוסט מיט האָכֿער 3000 יאָהר צוריק, און עס קען גרייליך זיין אַז נאָך פֿריהער.

די אויף אַזאַ-נ-אופֿן פֿערפֿאַרטיגטע מעהל פֿלעגט מען עססען אָדער טרוקענע, אָדער מען פֿלעגט דאָס צומישען מיט וואַססער, אויב עס איז געווען צו טרוקען. אַ מאָל פֿלעגט מען די קאַשקע צורעכֿט מאַכען מיט עפּעס וואָס זיסע, למשל מיט די זאַפּט פֿון אַ צו-קער-טראָסטניק. איצטער האָט שוין דעם מענשען, אום ער זאָלל קע-ען באַקען ברויט, געפֿעהלט מעהר ניט ער זאָלל וויסען די בענוטצונג פֿון פֿייער.

צ־רייבענדיג קאָרנער צווישען צוויי שטיינער, האָט דער

מענש געקענט לייכט בעמערקען, אז די שטיינער גופא רייבען זיך אויף פון דעם אָב און שייערען זיך ארום. דא איז שוין ניט שווער געווען צו פאלען אויפ'ן פלאן, אז מען קען מיט א שטיין אָברייבען די באָרגלאַך. די שאַרפקייט פון אַ־נ־אַנדער שטיין און אויף אזא נ־אופן פאָלירען איהם.

איצטער הויבט מען שוין אָן ארומצושלייפען די פריהערדיגע שטיינערנע געצייג און מען האָט זיך אפילו אויסגעלעהרענט אויס־צובויערען אין שטיינער לאָכער, וואו אריינצושטעלען אַ האָנדט'ל, און דאָס איז אויך ניט געווען שווער צו דערגעהן; די האַנד־מיהל האָט אויך דאָ אויסגעהאָלפען: אין דעם אונטערשטען שטיין פלעגט בלייבען גריבעלאַך, וועלכע פלעגען זיך אויסבויערען פון דעם דרעהען אויף איהם דעם אויבערסטען שטיין, אויב דער לעצטער האָט געהאַט אויף זיך פוקעלאַך. אָט אויף אזא נ־אופן האָבען זיך מענשען אויסגעלעהרענט צו בויערען מיט אַ שפּיטציגען שטיין.

אזעלכע געפאָלירטע און דורכגעבויערטע שטיינערנע געצייג, געפינט מען אויך זעהר פיעל אום־עט־אום.

די צייט, ווען מענשען האָבען גענוצט שטיינערנע געצייג, רופט מען „די שטיינערנע צייט“. זי ווערט געטהיילט אויף צוויי טהיילען; די צייט פון פראָסט געהאַקטע שטיינער און די צייט פון געפאָלירטע שטיינער. מיט די וואָרטער בעצייכענט מען מעהר ניט די ביז־היסטאָרישע צייט פון אונזערע עלטער־עלטער־זיידעס אָבער דאָס בעשטימט ניט די צייט ווען עס איז געווען „דער שטיינערנער פעריאָד“. (זעה פיגור 5).

און אפילו נאָך דעם, אז דער מענש איז שוין דערגאַנגען, ווי צו בעאַרבייטען מעטאַל, ד״ה בעת עס האָט זיך שוין אָנגע־הויבען „די בראָנז־צייט“ און נאָך דעם „די אייזען־צייט“, האָט נאָך אַלץ די שטיין־צייט פאַרוועריטס געעקסיסטירט. בראָנ־זענע כלים מיט שטיינערנע געפינט מען זעהר אָפט צוזאַממען.

קורץ גערעדט, דאָס צערטהיילען די צייטען נאָך די געצייג נאָך, וועלכע דער מענש האָט גענוצט, בעווייזט מעהר נישט, אז לכתחילה האָבען מענשען גענוצט שטיינערנע געצייג און נאָך

דעם האָבען זיי אָנגעהויבען צו געברויכען מעטאַלענע, פריהער בראָנזע און נאָך דעם אייזערנע. דאָס איגענע איז מיט דעם צערטהיילען די שטיינערנע צייט אויף צוויי פעריאָדען: אויף די צייט פון פראָסט געהאַקטע שטיינער און אויף די צייט פון געשליפענע שטיינער; דאָס בעוויזט אויך מעהר נישט, אז פון אָנפאַנג האָבען זיך מענשען אויסגעלערנט צו טשעסענען שטיינער און ערשט נאָך דעם צו שלייפען.

מיט איין וואָרט, אין דער אמת-ן זיינען אזעלכע צייט-אָבטהיילונגען גאָר ניט געווען. אָדער ריכטיגער געזאָגט, אין אמת-ן זיינען אַלע צייטען צוזאַממען געפלאָכטען. עס הויבט זיך אָן אַ נייער פעריאָד און דער פערגאַנגענער הערט נאָך פון דעסט-וועגען ניט אויף צו עקסיסטירען. וואָרום אפילו איצטער, וואָס מען ניטצט שוין פערשיעדענע מאַשינעס, פון דעסטוועגען נוטצט נאָך דער עולם אַ נ-אַנדערם מאָל שטיינערנע געצייג, ווי למשל, שטיינערנע האַנד-מיהלען, שטיינערנע סטופקעס, שטויסלאָך און ד. ג. מיר זעהען אַלזאָ, אז די שטיינערנע צייט עקסיסטירט נאָך עד היום.

אז דער מענש האָט אָנגעהויבען צו ברויכען פלייש פון גרויסע חיות, איז איהם ניט איין מאָל אויסגעקומען צו בעמערקען, אז פלייש ווערט זעהר גיך מכולה, און מען קען דאָס מעהר ניט עסכען. ביי׳ן אורמענשען איז אָבער אַ פליישיגער ביסען געווען אַ גרויסער „יש״. ניט איבריגם אָפט פלעגט זיך כאַפען גליקליכע יאַגרען, אויף וועלכע מען פלעגט בעקומען אַ רעכט ביסעל רויב. אויפעסען גאָר אין גאַנצען פלעגט מען ניט אַלע מאָל קענען, „חאטשי דער אורמענש פלעגט זיך זעהר פיעל כמארעווען און אָנ-ווענדען אַלע מיטלען אויפצועסען וואָס מעהרער. זיי פלעגען זיך אַזוי פיעל אָנעסען, אז נאָך דעם פלעגען זיי זיך קייקלען אויף ד׳ערד, כדי צו פערדייען דעם עסען. און נאָך אַזאַ זאַטען מאָלצייט פלעגט ניט זעלטען אויסקומען אַלאַנגע צייט גאָר צו הונגערען.

עס איז גאַנץ נאַטירליך, וואָס דעם מענשען האָט זיך גע-אַרט איינהיטען פלייש וואָס לענגער, די פראַקטיקע האָט באַלד

דערוויזען ווי מען קען לייכטער איינהאַלטען פֿלייש פֿריש. אַז פֿלייש פֿלעגט ליגען צווישען צוּשניטענערהייט אויפֿ'ן זונן, פֿלעגט זי אָנהויבען צו טריקענען — פֿלעגט זיך אַביסעל אוים ווייאַנולען. דער מענש האָט דאָס געקענט זעהר לייכט בעמערקען, ווייל ער האָט געוואָהנט אין די וואַרעמע מקומות; דאָרטען זיינען די היטצען אפֿילו גראָססער ווי ביי אונז און דעריבער וויאַנזעלט זיך דאָרטען גיכער. אַזעלכענע געוויאָ.זעלטע פֿלייש, אַ חוץ וואָס זי איז לאַנגער פֿריש, איז לייכטער צו פֿערדייען; דער מענש האָט אַלזאָ געהאַט פֿון די נייע המצאה אַ דאָפּעלטע טובה.

אַ חוץ דעם איז צווישענטע שטיקלאַך געוויאָנזעלטע פֿלייש זעהר בעקוואָם מיטצונעהמען מיט זיך אויפֿ'ן יאַגד, און עד־היום פּראַקטיקירט זיך נאָך דער מיטעל צורעכט צו מאַכען פֿלייש. נאָר פֿערצייטען איז דאָס נאָך מעהר געווען בְּנִמְצָא; די נאָמאַדען (אַרומוואַנדערער) פֿון די דרום־רוססישע מדבריות, דערצאָהלט מען, פֿלעגען דאָס עססען זעהר גערן און פֿלעגען דאָס מיטנעהמען אין וועג און האַלטען אונטערען זאָטעל.

איצטער האָט דער מענש ערפֿונדען אַזאַ זאַך, וועלכע איז באַשערט געווען צו שפּיעלען זעהר אַ גרויסע ראָליע אין זיין לעבען, נאָר ער אַלליין האָט ניט פֿערשטאַנען די גרויסע וויכטיגקייט פֿון זיין ערפֿינדונג און איז געפֿאַללען אויף דעם גאָר פּלוצלונג. מיר ריידען דאָ וועגען פֿ י י ע ר. בלתי ספק, אַז דער מענש האָט אַללע מאָל געוואוסט, אַז עס איז דאָ פֿייער, וואָרום ניט איין מאָל, מסתּמא, איז איהם אויסגעקומען צו זעהן ווי פֿון אַ בליטץ צינדען זיך אָן בוימער און ברענען; נאָר אַזאַ פֿייער פֿלעגט איהם גאָר שראָקען.

יעדענפֿאַלס קענען מיר פֿייער ניט רעכענען פֿאַר דעם מענ־שענס אַ־נ־ערפֿינדונג ביז דער צייט, ווען דער מענש האָט זיך שוין אויסגעלעהרענט ווי צו באַגעהן זיך מיט איהם: ווי צו בע־קוממען, ווי אונטערצוהאַלטען און ווי צו לעשען איהם.

נישט שווער איז געווען דעם מענשען צו בעמערקען, דאָס אַז מען רייבט זעהר גיך אַ האָלץ אָן וואָס עס איז פֿאַר אַ־נ־אַנדערע האַרטע זאַך אַ רעכטע צייט, דערהיצט ער זיך און צינדט זיך

אפילו אָן אויך. דער פֿייער וואָס פֿלעגט זיך בעקומען אויף אַזאַ-נ-אופן האָט שוין ניט געשראָקען דעם מענשען, ווייל ער האָט דאָך געוואוסט זיין יחוס, זיין אורשפּרונג; ער האָט געוואוסט פֿון וואַנען ער האָט זיך גענומען און צו יעדער צייט, ווען ער האָט נאָר געוואָלט, האָט דער מענש געקענט איהם אַרויסבריינגען.
דער מיטעל מיט וועלכֿען די איצטיגע ווילדע פֿעֶלקער בעקוממען אַרוים פֿייער, בעווייזט אונז, אַז לכתחילה איז מען טאַקי אויך בויערענדיג דערגאַנגען ווי צו בעקומען פֿייער. געוויינטליך געברויכֿען זיי צום בעקומען פֿייער אַזאַ מין עקבויער (זעה פֿיגור 6), וועלכֿער בעשטעהט פֿון אַ קלאָצעל, אין וועלכֿען עס איז פֿאַראַן אַ גריבעלע, וואו עס שטעלט זיך אַריין אַ שפּינדעל. אַז מען דרעהט דעם שפּינדעל איניגע מינוט זעהר גיך, בעווייזט זיך פֿינקען, וועלכֿע זיי לייגען אַרויף אויף טרוקענע גראָז, אָדער אויף אַ-נ-אַנדער זאַך, וואָס צינדט זיך לייכֿט אָן און בלאָזען פֿונאַנדער פֿייער. אין אָנהויב פֿלעגט מען דעם שפּינדעל דרעהען צווישען די האָנד און נאָך דעם האָט מען אויף דערויף אויסגעקלעהרט פֿערשיעדענע צוריכֿטונגען. מען פֿלעגט אַרומוויקלען דעם שפּינדעל מיט אַ שטריק און מען פֿלעגט איהם דרעהען מיט איהר, שלעפּענדיג דאָס איין ברעג, דאָס דעם אנדער ברעג פֿון שטריק. עס פֿערשטעהט זיך, אַז דאָס בעקומען פֿייער איז אין אַנדערע אָרטער געווען שווערער און אין אַנדערע לייכֿטער. אין אַ קאַלטען און אין אַ נאַסען קלימאַט פֿלעגט מען מוזען מעהרער און שטאַרקער בויערען. ערפֿינדען פֿייער איז אין אַזעלכֿע אָרטער געווען גאָר כמעט אונמיגלאַך. נמצא, אַז דאָס מוזען מיר אויך זאָגען, אַז פֿייער איז ערפֿונדען געוואָרען אין די הייסע מקומות.

נאָר אַז עס איז שוין געווען ערפֿונדען פֿייער, האָט עס זיך שוין געקענט פֿערשפּרייטען אויך אין יענע אָרטער, וואו לכתחילה האָט מען עס ניט געקענט ערפֿינדען. די דערבייאיגע פֿעֶלקער האָבען איינפֿאַך געקענט קריגען פֿייער, ניט בויערענדיג, וואָרום דאָס איז געווען זעהר אַ שווערע אַרבייט. (זעה פֿיגור 7 און 8)

קיים האָט מען שוין מיט גרוים מאַטערניש איין מאָל בעקוממען פֿייער, פֿלעגט מען שוין מיט כל-המיגליכֿקייט סטאַרעווען

זיך עס אונטערצוהאַלטען, אז עס זאָלל זיך ניט פערלאָשען. ביי אַפּולע פֿאָלקער פלעגט טאַקי זיין אַ בעזונדערער קלאַסס מענשען, וועלכע פלעגען זיך בעשעפֿטיגען מעהר נישט ווי מיט דעם, וואָס זיי פֿלעגען אונטערהאַלטען דאָס פֿייער, אַז עס זאָלל ניט אויסגעהן, אונ אַזוי ווי פֿייער האָט מען גערעכענט פֿאַר אַ הייליגע זאַך, פֿאַר אַ מתנה פֿון גאָטט, אונ טאַקי פֿאַר אַ גאָטט אַליין אויך, דעריבער זיינען מיט דער צייט די מענשען, וואָס פלעגען געהן אונ אַכטונג געבען אַרום דעם פֿייער אויך געוואָרען הייליג אונ מען האָט זיי געהאַלטען פֿאַר גאָטט׳ס דיענער.

ביי די ראָמער, צום ביישפיעל, פלעגען די נביאה׳תעס פֿון דער גאָטטין וועסטא – מוזען אונטערהאַלטען שטענדיג פֿייער אויף דעם מזבח פֿון זייער גאָטטין, אונ די וועסטא אַליין איז געווען די גאָטטין פֿון דער היימישער קיך. דערפֿון איז געדרונגען, אַז לכתחילה פֿלעגען די נביאה׳תעס גאָר מוזען אונטערהאַלטען דאָס פֿייער אין קיך. פֿון אַזאַ קיך פלעגט מען דערנאָך, אַז מען פלעגט דאַרפֿען, נעהמען פֿייער צום געברויך.

דאָס בעקומען פֿייער איז געווען אַזאַ שווערע אַרבייט, דאָס עס איז כמעט אונמיגלאַך געווען, דאָס איין מענש איינער אַליין זאָלל עס קאָנען אויספֿיהרען. מען האָט געמוזט זייער שטייף האַלטען דעם שפינדעל, כדי עס זאָלל זיך שטאַרקער רייבען; אָנֶב פלעגט דער דרעהען דעם שפינדעל געדויערען אַ צייט, דאָס עטליכע פּתות פלעגען זיך בייטען ביז מען פלעגט בעקומען פֿייער.

דאָס בעקומען פֿייער האָט אַלזאָ געפֿאָדערט דאָס צוזאַממענ-אַרבייטונג פֿון אַפּולע מענשען. ד. ה. אַפּולע מענשען האָבען גע-מוזט אַרבייטען צוזאַממען, אום צו בעקומען פֿייער; עס איז, אַלזאָ, געווען אַגעזעלשאַפֿטליכע אַרבייט: אונ אַזוי ווי פֿייער, ווי פֿריהער איז שוין געזאָגט, האָט זיך גערעכענט פֿאַר אַ הייליגע זאַך, דעריבער האָט זיך דאָס בעקומען פֿייער גערעכענט פֿאַר אַ רעליגיאָז-געזעלשאַפֿטליכע האַנדלונג אָדער צערעמאָניע.

אַפּולע פֿאָלקער האָבען באַלד אָנגעהויבען צו ניטצען אַ ביסעל אַ-נ-אַנדערען, אַ בעססערען מיטעל צום בעקומען פֿייער. זיי פלעגען אָנטאָהן אויף אַ פֿלאָקען אַ הילצערנעם קייקעל אונ

דרעהען ניט דעם פֿלאָקען, נאָר דעם קייקעל. דאָס איז געווען לייכטער.

ביי די רוססען איז פֿאַראַן אַ מנהג, וועלכער דערמאָהנט אָן דעם אַרט בעקומען פֿייער אונ אויך אָן דעם, אַז אַ מאָל האָט דאָס בעקומען פֿייער גערעכענט זיך פֿאַר אַ צערעמאָניע.

ביי די רוססען איז נאָך אין אַ פֿולע אָרטער עד היום געבליבען אַ-אַנדענקונג פֿון יענער צייט, ווען זיי פֿלעגען אויף אַזאַ נאופֿן בעקומען פֿייער. אין אַנדערע אָרטער, אויף מאָסליאַניצע, צינדען די רוססען אָן פֿייער, טהוען אָן אַ ראָד אויף אַ פֿלאָקען אונ פֿיהרען דאָס אַרום אין אַ שליטען איבער'ן דאָרף, אונ פֿון אָבענד פֿערברענען זיי דעם פֿלאָקען צוזאַממען מיט'ן ראָד. דער פֿלאָקען ווייזט געווים אויף דעם שפּינדעל, וועלכען מען פֿלעגט דרעהען, כּדי צו בעקומען פֿייער, אונ דער ראָד ווייזט בלתי ספק אויף דאָס, אַז די פֿערצייטיגע רוססען פֿלעגען ערווערבען פֿייער אויף אַזאַ-נ-אופֿן, ווי מיר האָבען פֿריהער געזאָגט, ד"ה זיי פֿלעגען אָנטאָהן אויף אַ פֿלאָקען אַ קייקעל אונ דרעהען, ניט דעם פֿלאָקען נאָר דעם קייקעל.

דער מענש האָט באַלד בעמערקט, דאָס פֿייער וואַרעמט אונ ברענט, אַז מען ריהרט זיך צו איהם צו — עס האָט פּונקט די זעלביגע טבע ווי די זונן. עס פֿערשטעהט זיך, אַז דער מענש האָט זיך מיט כּל המיגליכקייט געסטאַרעט, אַז פֿייער זאָלל איהם בריינגען די זעלבּיגע נוטצען, וואָס די זונן בריינגט איהם. דער מענש הויבט אָן צו בענוטצען פֿייער צום וואַרעמען זיך לעבען איהם איי אַקאַלטע נאַכט אונ סטאַרעוועט זיך אוים צו וויאָנולען אויף איהם פֿייש.

אויף אַזאַ-נ-איפֿן, האָט זיך אָנגעהויבען די קונסט צו פֿערפֿאַרטיגען עססענוואַרג. אַ חוץ דעם האָט דער מענש בעמערקט, אַז דאָס פֿייער בעשיצט איהם פֿון בייאַנאַכטיגע אָנפֿאַללען פֿון ווילדע חיות, ווייל די ווילדע חיות האָבען מורא פֿאַר פֿייער, אונ דער מענש שלאָפֿט זיך איצטער רוהיג אונטער דעם שוטץ פֿון דעם נייעם וואָלטהאָטיגען גאָטט.

איצטער האָט זיך שוין פֿאַר דעם אורמענשען געאָפֿענט

אַ ברייטער פּלאַטץ: פייער מאַכט אויף פערשיעדענע זאַכען פערשיעדע‌ע ווירקונגען, אונ דער מענש האָט זיך באַלד דערמיט בענוצט, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, צום פערפאַרטיגען שפּייז.

עס איז אונמיגלאַך אויסצורעכענען אַלע מיטלען, מיט וועלכער דער אורמענש פלעגט פערפאָרטיגען שפּייז. פלייש, למשל, האָט מען שוין איצטער געקענט פערפאָרטיגען אויף פערשיעדענע אופנים: מען האָט דאָס געקענט אַרויף שטעכען אויף אַ שפּיציגען שטאָקל אונ אויסבראָטען אויפ'ן פייער גופא בעת עס האָט געברענט; אָדער מען האָט דאָס געקענט אויסבראָטען אויף די קוילען, נאָך דעם אַז די פייער איז שוין אויסגעגאַנגען; מען האָט דאָס אויך געקענט האַלטען לעבען פייער אויף אַזאַ-נ-אופן, אַז אויף די פלייש זאָל גערען מעהר ניט דער רויך אונ די פלייש זאָלל זיך אויסוויאָנדזולען. איצטער ניטצט מען נאָך אויך גערויכערטע פלייש, נאָר דאָס איז שוין אַ פּנים גאָר אַ פערצייטיגע המצאה.

באַלד האָט זיך דער מענש אויסגעלעהרענט מאַכען בעזונדערע איינריכטונג צום בראָטען פלייש, ער האָט זיך אויסגעלעהרענט מאַכען אַזאַ מין אויווען. דעם אורמענשענס אויוועננס זיינען אייגענטליך געווען נישט מעהר, ווי אַ שטיינערנער טאָוועל, אַנ-אַנדערם מאָל האָט עס געקענט זיין מיט אַ-נ-אויסהיילונג; אויף דערויף פלעגט מען פונאַנדער לייגען פייער אונ נאָך דעם, אַז דער שטיין פלעגט זיך גוט אָנברענען אונ דאָס פייער פלעגט אויסגעהן, פלעגט מען צוזאַממען שאַרען די קוילען אין איין אָרט אונ אויף דעם אָנגעברענטען שטיין פלעגט מען בראָטען שטיקלאַך פלייש. איצטער טהוט מען דאָך ביי אונז אויך אַזוי: מען באַקט אויפ'ן אָנגעהייצטען שטיין. די נפקא מינה צווישען די איצטיגע אונ פערצייטיגע אויוועננס איז מעהר ניט דאָס, וואָס יענע פלעגען זיין אויפ'ן פרייען פעלד אונ די איצטיגע אויוועננס זיינען אין די הייזער.

אזוי פלעגט מען פערפאַרטיגען פלייש. נאָך דעם האָט דער מענש אָנגעהויבען צו באַקען פערשיעדענע מינים פירות אונ וואָרצלען, מען האָט אָנגעהויבען צו סמאַלענען קאָרנער אונ דאָס פלעגט זיי צוגעבען גאָר אַ בעזונדערען געשמאַק. פריהער

האָבען מיר שוין דערצאָהלט, ווי די אורמענשען פלעגען צומישען מעהל מיט וואַססער אונ פלעגען דאָס עססען די קאַשקע אָדער די טייג. איצטער האָבען זיי שוין אָנגעהויבען אונטער באַקען די טייג אונ אויף אַזאַ-נ-אופן האָבען זיי זיך אויסגעלעהרענט באַקען ברויט. (זעה פיגור 9).

די ווירקונג וואָס פייער מאַכט אויף וואַססער, איז דער מענש דערגאַנגען גאָר אין אַ צייט אַרום. איצטער איז נאָך אויף פאַראַן אייניגע שבטים, וועלכע ווייסען שוין פון פייער אונ ווייסען נאָך פון דעמסטוועגען נִיט, ווי צו זידען וואַססער; אונ באמת איז דאָס טאַקי געוועזען שווער צו דערגעהן, ווארום פריהער האָט דאָך דער מענש געדאַרפט אויסקלעהרען לייטענע געפאָס, אין וועלכע מען זאָלל קענען זידען וואַססער.

דער מענש האָט, פערשטעהט זיך, געקענט לייכט בעמער-קען דאָס אַז וואַססער גיסט זיך אַרויף אויף אַן-אָנגעברענטען שטיין, הייבט עס אָן צו הושען אונ עס פערוואַנדעלט זיך אין פאַרע; אָבער דאָס אַליין איז נאָך ווייניג, ווי די מענשען האָבען דאָס בעמערקט, קען זיין, אַז די אַנגענעהמע וואַרעמקייט פון פאַרע איז זיי זעהר געפאַליג געווען, אונ זיי האָבען אָנגעהויבען בכיוון צו גיססען וואַססער אויף אָנגעברענטע שטיינער, כדי זיך אַביסעל דורך צו פאַרענען, אָבער נישט מעהר.

דערפון זיינען געווים אַרויסגעקומען אונזערע איצטיגע באָדער. אין די היגע-קאַנטיגע באָדער ווערט געמאַכט אין די אויוועגס אַבעזונדערע אַבטהיילונג, וואו עס ליעגען אָנגעברענטע שטיינער אונ אַז מען וויל „דערלאַנגען דוך" גיסט מען אַרויף אויף די שטיינער וואַססער, אונ די באָד ווערט פול מ ב פארע.

אונ אפילו אַז מען האָט שוין געקענט מאַכען לייטענע כלים, האָט נאָך פון דעמסטוועגען דער מענש אַלץ ניט געקענט זידען וואַססער, אַזוי ווי מיר איצטער; לכתחילה פלעגט מען גאָר אום אָנצוואַרעמען וואַססער וואַרפען אָנגעברענטע שטיינער אין אַ כלי וואַססער, ביז עס פלעגט ווערען הייס, איצטער אפילו טהוט מען עס נאָך אויף אַן-אַנדערס מאָל, דהיינו, אַז עס פעהלט כלים אָדער אַז מען דאַרף אָנוואַרעמען וואַססער אין אַ הילצערנע כלי.

מיט איין וואָרט, פייער איז געוועז זעהר וויכטיג פאַר דעם מענשען, באַלד ווי דער מענש האָט ערפונדען פייער, איז ער שוין געוואָרען אפּולע וויינינגער אבהייננינ פון דער נאַטור.

איצטער, האָבענדיג פייער, האָט שוין דער מענש אונטער דעם שוטץ פון דיעזער וואָהלטהאָטיגער גאָטהייט, געקענט ריזי־קירען און מאַכען אַ נסיעה אין קאַלטערע לאַנדער. דאָס פייער האָט פערנומען דעם אָרט פון דער זונן-וואַרעמקייט, און דעריבער פערשטעהט זיך פאַר וואָס דער מענש האָט איצטער געהאַלטען אַזוי טהייער דאָס פייער.

דאָס פייער האָט מען געמוזט פערהיטען פון רעגען און פון ווינדען, און דער מענש הויבט אָן אויסקלעהרען פערשיעדענע מיטלען ווי דאָס צו פערהיטען. אין אָנפאַנג פלעגט דער מענש פערשטעלען דאָס פייער פון'ם ווינד מיט ריטלאַך, וויצקעס און בלעטער. לכתחילה פלעגט ער, אַריינשטעקענדיג די וויצקעס אין דער ערד, פערשטעלען דאָס פייער מעהר ניט ווי פון איין זייט, פון וואַנען עס פלעגט בלאָזען דער ווינט. נאָר מיט דער צייט האָט דער מענש אָנגעהויבען צו פערשטעלען דאָס פייער פון אַלע זייטען, כדי אויב אפילו עס וועט זיך אומבייטען דער ווינד זאָלל ער עס אויך ניט קענען פערלאָשען; אין איין זייט, מעהר ניט, פלעגט ער לאָזען אַ שטיקעל ניט קיין פערשטעלטען אָרט פאַר זיך אַריין צו געהן.

אויף אַזאַ־נ־אופן זיינען ענטשטאַנען מענשליכע וואָהנונגען. אין די ערשטע צייטען איז דאָס געוועזן גיכער די דירה פון פייער, ווי דעם מענשענס וואָהנונג. פון אויבען, פערשטעהט זיך, פלעגט מען מוזען לאָזען אָפּפען, כדי דער רויך זאָלל האָבען פון וואַנען אַרויס צו געהן. דאָס איז וואָהרשיינליך געוועזן די ערשטע פאָרמע פון די איצטיגע „פעקאַרנעס" וועלכע מיר טרעפפען נאָך איצטער אין אונזערע דאָרפער. מיט דער צייט האָט זיך דערפון ענטוויקעלט אַ שטוב מיט איהר נאָטהיגסטע געהאָריגקייט, אַ קיך.

עס קען איינקומען זעהר קאָמיש וואָס מיר זאָגען, אַז לכתחילה האָט דער מענש בעזאָרגט אַ דירה פאַר פייער, און נאָך

דעם ערשט פֿאַר זיך. אין אמת'ן איז אָבער פֿאָרט אַזוי און עס איז גאַנץ פֿערשטאָנדליך, פֿאַר וואָס דאָס איז אַזוי געווען: אין אָנהויב האָט דאָך דער מענש געוואָהנט אין וואַרעמע לאָנדער, היינט צו וואָס האָט ער גענאַרפֿט האָבען אַ דירה? מעהר ניט אַמאָל פֿלעגט ער זיך מסתמא בעהאַלטען פֿון אַ רעגען אונטער די געדיכטע בלעטטער פֿון אַ בוים; אָבער דאָס קען מען דאָך בשום אופן ניט אָנרופֿען דירה.

מיט איין וואָרט, דירות הויבען זיך ערשט דאַן אָן איינצוגעפֿינען, ווען דער מענש הויבט אָן איבערצוגעהן אין קאָלטערע לאָנדער. אָבער דאָס פֿייער, וועלכעס איז געווען נאָטהווענדיג אויך אין די וואַרעמע לאָנדער, האָט דאָך נאַטירליך געצוואונגען דעם מענשען, אַז ער זאָלל אויסקלעהרען מיטלען ווי עס צו בעשיטצען פֿון רעגען און פֿון ווינדטען. איבריגענס אין די וואַרעמע לאָנדער האָבען אויך מענשען בְּעֶרֶךְ זעהר פֿריה אָנגעהויבען צו-בויען פֿאַר זיך פֿון בלעטטער אַזעלכע מיני דירות. אָבער די הייזער, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, בײדלאַך פֿלעגען זיין זעהר ניט האַפֿטיג און דער מענש פֿלעגט זיי זעהר אָפֿט בייטען אויף נייע. קורץ גערעדט, אויך די מינים דירות זיינען ווייט ניט דאָס, וואָס מיר פֿערשטעהען איצטער אונטער דעם נאָמען דירה.

מיר האָבען שוין גערעדט אַמאָל וועגען דעם, אַז דער מענש פֿלעגט זיך בעשיטצען פֿון קאָלט אָדער פֿון אַ שלעכטע פּאָגאָדע ניט נאָר אין געבויטע הייזלעך, נאָר אויך אין האָהלען, וועלכע די נאַטור אַליין פֿלעגט איהם געבען פֿאַרטיגע. גראָבענדיג אונטער ד'ערד געפֿינט מען איצטער זעהר אָפֿט נאָכגעבליעבענע סימנים, וועלכע בעווייזען זיכער, אַז אין די האָהלען האָבען אַמאָל מענשען געוואָהנט: מען געפֿינט דאָרטען מענשען-ביינער און צוזאַממען מיט זיי כלים.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז אַזעלכע פֿאַרטיגע האָהלען זיינען געווען זעהר ווייניג, און דער מענש האָט געמוזט זאָרגען, ווי עס איז אַליין מיט זיינע דאַמאָלסטיגע געצייג אויסצוגראָבען אַזעלכענע האָהלען. נאַטירליך, אַז דער מענש האָט שוין געגראָבען פֿאַר זיך אַ דאָהל, פֿלעגט ער מסתמא זעהן צו מאַכען איהר אַזוי

זאָלל זיין וואָס בעקוועמער, אז דאָרטען זאָלל זיין בעסער צו וואָהנען, ווי אין די נאַטירליכע היילען (זעה פיגור 10).

אזעלכענע ערדענע דירות געפינען מיר נאָך עד־היום אין אפּולע אָרטער ביי די פֿאָלקער, וועלכע עס וואָהנען אין קאַלטען צפון־זייט, דהיינו, ביי די עסקימאָסען, אזעלכע אונטערד'רערדיגע דירות גראָבען זיי אוים פֿאַר זיך אויף ווינטער, אונ זוממער וואָהנען זיי אין קיהלערערע ביידלאַך.

פֿייער איז געוועזן זעהר וויכטיג פֿאַר דעם מענשען אויך אין נאָך א הינזיכט, עס האָט געגעבען דעם מענשען אמיגליכקייט צו געברויכען פֿיש אונ שפייז. נאַטירליך, איידער ער האָט נאָך געהאַט פֿייער, האָט דער מענש אויך געוואוסט פֿון דער אבילה. ער פֿלעגט דאָס עססען אָדער פשוט גאָר ראָהע אָדער, אזוי ווי פֿלייש, געטריקענטע אויפֿ'ן זונן. אָבער אין דעם הינזיכט איז פֿיש גאָר אַנדערש ווי פֿלייש, ווייל עס טריקענט זיך ניט אויפֿ'ן זונן אזוי גיך, פֿיש פֿלעגט מען מוזען טריקענען זעהר לאַנג אונ צום סוף פֿלעגט אָפֿט זיין די גאַנצע האָרעוואַניע אַרויסגעוואָרפֿען, ווייל די געטריקענטע פֿיש פֿלעגט זיין האַרט אונ ניט געשמאַק, דער מענש האָט נאָך דאַמאָלס ניט געהאַט ניט קיין פֿייער אונ ניט קיין זאַלץ, אונ אָן דעם איז פֿיש ניט קיין איבריגם וואָהלע אבילה.

אז דער מענש האָט זיך דערוואוסט ווי צו בעקוממען פֿייער אונ האָט זיך אָנגעהויבען צו בענוצען מיט איהם, האָט ער זיך שוין אויסגעלעהרענט אונטערצובראָטען פֿיש אויפֿ'ן פֿייער אונ פֿון דאַמאָלסט אָן ווערדט ער שוין וויינעגער צוגעבונדען צו איין אָרט, ער בעזעטצט זיך אַרום טייכען, אין וועלכע עס איז פֿאַראַן אפּולע פֿיש.

דער פֿייער האָט, אַלזאָ, בעשיטצט דעם מענשען פֿון קאַלט אונ די טייכען האָבען איהם געפֿיהרט אין צפון־זייט אונ האָבען איהם שטענדיג צוגעשטעלט נאַהרונגסמיטלען, וועלכע ער פֿלעגט שוין איצטער קענען פֿערפֿאַרטיגען אויפֿ'ן פֿייער. נאַטירליך האָבען ניט נאָר די טייכען אַליין געוויזען דעם מענשען אַ וועג אין די קאַלטערע לאַנדער; עס זיינען געווען נאָך סיבות אויך, וועלכע

האבען דעם מענשען ארויסגעפיהרט פון זיין וויגעלע, פון די ווארעמע לאגער אין די קאלטע.

מען ברויך נישט רעכנען, אז די פאלקער וועלכע בעשאפטיגען זיך מיט פישפאנגעריי, עססען מעהר נישט ווי פיש, אונ מעהר קיין זאך ניט, אדער די פאלקער, וועלכע בעשאפטיגען זיך מיט יאגעריי (יאגד), עססען מעהר נישט ווי רויב-פלייש, אדער ערד-ארבייטער מעהר נישט ווי ברויט. געוויינטליך איז אזוי, דאס יעדעס פאלק בעשאפטיגט זיך מיט די אלע זאכען צוזאממען. אונ אויב מיר רופען א פאלק פישער, יאגער אדער ערד-ארבייטער, מיינען מיר דערמיט מעהר ניט צו זאגען, אז די אדער יענע בעשאפטיגונג (למשל, פישפאנגעריי) איז ביי זיי דער עיקר עסק. **מיט וואס א נ-אומה בעשעפטיגט זיך ווענדט זיך געוויינטליך אן די תנאים פון דעם ארט, וואו זי וואהנט.** איין ארט איז בעססער פאר דער בעשאפטיגונג, למשל, פיש-פאנגעריי, דארטען איז דא טייכען, אין וועלכע עס פיהרט זיך א פולע פיש, — בעשאפטיגען זיך די מענשען, וועלכע וואהנען דארטען, מיט פישפאנגעריי; א נ-אנדער ארט איז בעססער פאר א נ-אנדער בעשאפטיגונג, למשל, פאר פאלעוואניע, דארטען איז דא א פולע וואלדער, אין וועלכע עס געפינען זיך איין א סך חיות, בעשאפטיגען זיך די יענע ארטערדיגע פאלקער מיט יאגד. נאר אז עס פלעגט זיך מאכען א-נ-ארט, וועלכער איז געווען גוט פיר אלערליי ארבייט, פלעגען זיך די דארטיגע מענשען בעשאפטיגען מיט אלסדינג, אז עס איז אונמיגלאך צו צורעכענען זיי צו א בעשטימטע גרופפע פאלקער: אין איין צייט פון יאהר זיינען זיי ערד-ארביימער, אין דער אנדער צייט-יאגער, אין דער דריטער-פישער.

אז איצטער, פייער צו פערדאנקען, איז געווארען פיש זעהר א גוטע אכילה, האט דער מענש נאטירליך אנגעהויבען צו בעשאפטיגען זיך מיט פישפאנגעריי אונ האט אנגעהויבען צו זוכען אלערליי מיטלען ווי צו חאפען זיי. די ערשטע זאך, פערשטעהט זיך, האט דער מענש אנגעהויבען צו בעטראכטען דעם לעבען פון די פיש אונ ער האט בעמערקט, דאס עס זיינען פא־אן

אזעלכע צייטען, ווען די פיש שוימען ארום אין די טייכען אדער ימים גאנצע מאססענווייז אונ דאמאלסט איז זיי געווען זעהר לייכט אנצוחאפען מיט'ן האנד אדער מיט וואס עס איז פאר א מאכעריי, א געצייג.

פריהער האט דער מענש אנגעהויבען צו פלעכטען פון וויצקעס אזעלכענע קארבלאך צום חאפען מיט פיש עס קען גרייליך זיין, אז דער מענש האט שוין פאר דעם אויך געקענט פלעכטען פון וויצקעס וואסערע עס איז כלים. קארבלאך, מעהר נישט איצטער האט ער אנגעהויבען צו פערפאלקאממען זיך אין דעם אונ צורעכטמאכען זיינע פלאכטונג צום חאפען פיש, איצטער נאך אפילו חאפט מען נאך אויך פיש מיט אזעלכע מינים געפלאכטענע קארב.

באלד נאכדעם ווי דער מענש האט זיך אויסגעלעהרענט דרעהען שטריק פון פארעמדיגע געוויקסע, האט ער אנגעהויבען צו פלאכטען פון זיי נעטצען. אין אנהויב, פערשטעהט זיך, פלעגט ער מאכען ניט איבריגס קונציג, נאר מיט דער צייט האט ער זיך אויסגעלעהרענט, האט אנגעהויבען מאכען די נעטצען אלץ בעססער אונ בעססער ביז ער האט אנגעהויבען צו פעראייניגען די פלאכטונג מיט א נעטץ אונ אויף אזא-נ-אופן האט זיך בעקומען אלערליי פערשיעדענע פישערשע געצייג, וועלכע זיינען נאך בעוואוסט אויך אין דער איצטיגער צייט.

נאר ווען דעם מענשען פלעגט זיך מאכען צו חאפען א גרויסען פיש אונ די נעצייג האבין ניט געטויגט, פלעגט ער דערצו בענוטצען דיזעלביגע געצייג, מיט וועלכע ער פלעגט געהן אויף געיאג. ער פלעגט ווארפען אין דעם פיש א שפיעז, וועלכען ער פלעגט פריהער צובינדען צו א שטריק, כדי ער זאלל נאך דעם קענען צוריק ארויסציהען. אזא מין שפיעז רופט מען האַרפּון. געוויינטליך ניטצט מען דעם געצייג, אז עס קומט אוים צו חאפען אזא פיש אין א ים, אבער אין א טייך דארף מען גאר אפילו קיין שטריק אויך ניט צובינדען, מען דארף מעהר נישט מאכען א ביסעל א לייגגערע האנדטל צום שפיעז אונ אויף אזא-נ-אופן בעקומט זיך א קעקסע, מיט וועלכע מען קען צוהרג'נען

און אַרויסשלעפּען פֿון וואַססער דעם פֿיש. געוויינטליך טהוט מען דאָס בּיי נאַכֿט, בּעלייכֿטענדיג דעם גרונד טייך מיט פֿייער.

וויא פֿראָסט, וויא איינפֿאַך עס זיינען ניט די אַלע געצייג, וועגען וועלכֿע מיר האָבּען דאָ גערעדט, פֿון דעסטוועגען איז זיכֿער, אַז אויך דאָס אַרט חאַפּען פֿיש, האָבּען זיך מענשען אויסגעלעהרענט ערשט בּערך שוין זעהר שפּעט, וואָרום בּאמת איז דאָך אַ חוץ וואָס דער מענש דאַרף שוין קענען מאַכֿען עטליכֿע פֿערשיעדענע זאַכֿען, וויא למשל, דרעהען אַשטריק, פֿלעכֿטען קאָרבּ און מאַכֿען נעטצען, מוז ער דאָך אום צו חאַפּען פֿיש מיט אַ נעטץ שוין האָבּען אַ מיטעל צום שווימען איבּער'ן וואַססער, כּדי ער זאָל קענען נאָכֿיאָגען די פֿיש. נאָר איידער מיר וועלען ריידען וועגען דעם, מוזען מיר דערצעהלען, צו וואָס האָט געבּראַכֿט דעם מענשען דאָס פֿלאָכֿטען קאָרבּ.

דער מענש האָט בּאַלד בּעמערקט, אַז ליים האָט אַזאַ טבע, וואָס זיא לאָזט דורך זיך ניט דורך קיין וואַססער. בּעמערקען דאָס האָט ער געקענט גאָר צופֿאַלליגער ווייזע, דהיינו ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ קאָרבּ אויף אַ ליימיגען אָרט, צו דער קאָרבּ האָט זיך צוגעקלעבּט ליים און דער מענש האָט לייכֿט געקענט בּעמערקען, אַז די צוגעקלעבּטע צום קאָרבּ ליים לאָזט ניט דורך קיין וואַססער. דאָס האָט איהם געבּראַכֿט אויפֿ'ן געדאַנקען צו בּעקלעבּען אַ קאָרבּ מיט ליים. די ליים האָט זיך אויסגעטריקענט און אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך בּעקומען אַ כּלי, וואָס לאָזט ניט דורך קיין וואַססער.

אין אייניגע צייט אַרום האָט דער מענש געפּרובּירט זידען וואַססער אין דער כּלי. די הילצערנע טהיילען פֿון דער כּלי, זיינען, פֿערשטעהט זיך, פֿערבּרענט געוואָרען, די ליימענע כּלי איז אָבּער איבּערגעבּליבּען און נאָך מעהר, זי איז נאָך איצטער גאָר געוואָרען אַפֿילו שטאַרקער, אַז זי צוווייקט זיך שוין ניט פֿון וואַססער, ווי פֿאַר דעם.

דאַמאָלסט האָט מען שוין בּכּוון אָנגעהויבּען פֿלעכֿטען קאָרבּ, אויסקלעבּען זיי פֿון אינעווייניג מיט ליים און נאָך דעם פֿלעגט מען פֿערבּרענען דעם אויסגעפֿלאָכֿטענעם פֿורעם. עס

פלעגט זיך בעקומען א ליימענע כלי, אויף וועלכער עס פלעגט איבערבלייבען די צייכענס פון דעם פערברענטען קארב, אין וועכער מען האט גימאכט די כלי. א זעלכענע ליימענע כלים געפינט מען אויך, גראבענדיג אונטער ד'רערד.

נאך דעם האט שוין דער מענש אנגעהויבען צו קלעבען כלים פון ליים אהן א פורעם און אויף אזא-נ-אופן הויבט זיך אהן די טאפפער-קונסט. דער קייקעל מיט וועלכען די טאפפער מאכען איצטער ליימענע כלים, איז שוין גיוועזן בעוואוסט גאר אין דער אורצייט, אבער אום צו פאללען אויף די המצאה, האט שוין דער מענש געדארפט זיין זייער פיעל פראקטיקירט, און א חוץ דעם האט שוין טאפפעריי געדארפט זיין פאר דעם א ספעציאלע ארבייט פון בעזונדערע בעלי-מלאכות, ווארום אז א מענש בעשעפטיגט זיך דער עיקר מיט איין ארבייט און איז שטענדיג מעהר ניט נאר מיט דערמיט פערנומען, קען ער גיכער געפינען מיטעלען ווי אויסצובעססערין זיינע געצייג, ווי צו פערפאלקאממען זיך אין זיין ארבייט, אז ער זאל איהר מאכען גיכער און בעססער. אין דער איצטיגער צייט, למשל, בעשעפטיגט זיך יעדער מענש מעהר נישט מיט איין ארבייט, און אפט נאך ניט מיט קיין גאנצען ארבייט אויך, נאר מיט א טהייל פון דער ארבייט. א קאמאש, למשל, דורך וויפיל הענד געהט עס דורך ביז מען קען דאס אנמאהן? אין איין גארבארנע מאכט מען די אויבערשטע לעדער, אין דער אנדער גארבארנע די אונטערשטע לעדער, די פאדעשוועס, אין איין פאבריק מאכט מען די אייזערנע טשוועקלאך, אין דער אנדערער—די הילצערנע שפיילען, אין א דריטער פאבריק מאכט מען די גוממע און אין א פירטער—די סטריפען. נאך דעם קומט עס אריין צום טשעניאטען מאכער (זאגאטאוושציקעם) און ערשט נאך דעם צום שוסטער, וועלכער שטעלט דאס אללעס צוזאממען און פערפארטיגט דאס אין גאנצען, שוין צום טראגען. נור דאס איז נאך ניט גאר, אין יעדער פאבריק גופא גייט אויך דורך די ארבייט דרך מי יודע וויפיעל דאנד. פארצייטען איז אבער ניט געוועזן אזוי. יעדערער פלעגט זיך מאכען פאר זיך, אלץ וואס ער האט געדארפט, פון

אָנהויב ביז'ן סוף. מיט דער צייט, וואָס מעהרער דער מענש האָט אויסגעטראַכט נייע געצייג און וואָס מעהרער ער האָט אויס געבעססערט די אַלטע, דאָס מעהרער איז אונמיגלאַך געוואָרען, אַז יעדערער זאָל קענען מאַכען פאַר זיך אַלץ, וואָס ער דאַרף, און אויף אַזאַ-נ-אופן איז די אַרבייט צוטהיילט געוואָרען צווישען די מענשען, די געלעהרנטע רופען דאָס אַרבייט אָדער מיה-צערטהיילונג, די מיה-צערטהיילונג פון איהר זייט ווידער, העלפט ווייטער אויסצובעססערען די אַלטע און אויפצוקלעהרען נייע געצייג. מיר זעהען אַלזאָ, אַז די מיה-צער-טהיילונג, האָטשי פון איין זייט ווערט זי אַרויסגערופען דורך די פערבעססערונג פון די געצייג, דאָך, פון דער אַנדערער זייט, ווירקט זי, די מיה-צערטהיילונג, אויף די ענטוויקלונג, פון די פראָדוקציאָנס-מיטלען, די מיטלען מיט וועלכע דער מענש בע-שאַפט פאַר זיך פראָדוקטען, וואָס ער דאַרף צום לעבען. נאָר ניט דאָס זיינען מיר אויסען, אויספיהרליך וועלען מיר ריידען וועגען דעם שפעטער. נאָר איצטער רעכענען מיר, פערשטעהט איהר שוין, וואָס מיר האָבען פריהער געזאָגט, אַז די אויסגעבעס-סערטע טאָפּפערשע געצייג האָט מען געקענט נאָר דאַן אויס-טראַכטען, ווען טאָפּפעריי איז שוין געוואָרען אַ זעלבשטענדיגע אַרבייט פון בעלי-מלאכות-ספעציאַליסטען. נמצא, אַז דאָס איז געווען בערך שוין גאָר אַ שפעטערדיגע המצאה און לכתחילה פלעגט מען מאַכען ליימענע כלים מיט די האָנד. (זעה פיגור II).

איצטער וועלען מיר ריידען וועגען דעם (צאָהמען) פערהויזליכען בהמות און חיות. דאָס האָט שטענדיג געהאַט און עד היום האָט עס נאָך אויך זעהר אַגרויסע בעדייטונג פאַר דעם מענשענס לעבען.

איינינע חיה'לאך בעגלייטען דעם מענשען שוין פון זעהר, זעהר אַ לאַנגע צייט. אַנדערען פון זיי קען מען גאָר ניט אפילו אָנרופען צוגעוואָהנטע חיות, ווייל זיי האָבען גאָר מורא, זיי שרעקען זיך גאָר פאַר אַ מענשען. נאָר זיי לעבען צוזאַממען מיט מענשען מעהר ניט ווי דערפאַר, וואָס נאָר זייענדיג אַרום איהם געפינען זיי זייער חיונה. זיי ערנאָהרען זיך געוויינטליך מיט דער

אייגענער שפּייז, וועלכע דער מענש געברויכט, אָדער מיט די אָבפאַל פון דעם מענשענס שפּייז. דעם ערשטען אָרט צווישען אזעלכע חיות פערנעהמט, פערשטעהט זיך, דער הונד. דער הונד איז ניט קיין גרויסער בראַקירער אין עססען און בעגנוגענט זיך מיט אָבגעגריזעטע ביינער און דערצו איז ער אַ גרויסער בַּעַל אויף די אָבפאַל פון מענשענס שפּייז. עס קען גרייליך זיין, אַז טאַקי דעריבער גופא האָט דער הונד געמוזט אָנהויבען מיטצוגעהן אומעטאום מיט'ן מענשען. דאָס שטאֶנדיגע נאָהנטקייט אַליין מיט'ן מענשען איז שוין געווען גענוג צו פערהויזליכען דען הונד אפילו גאָר אָהן דעם מענשענס הילף. אַחוץ דעם איז טאַקי געווען זעהר לייכט אויך צו צאַהמען דעם הונד, ווייל מען דאַרף איהם מעהר ניט וואַרפען אַ ביסען אָדער אַ־נאָבגעגריזעטען ביין און דער הונד ווערט שוין אַ גאַנצער חבר-לאַפּ מיט'ן מענשען, הויבט זיך אָן צולאַסקעווען און גיט זיך אין גאַנצען איבער זיין בעל-הבית, ד. ה. דעם, וואָס האָט איהם געוואָרפען דעם ערשטען ביין.

און דער מענש האָט זיך געסטאַרעוועט ממציא צו זיין פאַר זיך וואָס עס איז פאַר אַ נוטץ פון דער חיה. די ערשטע זאַך איז איהם אַרויף אויפ'ן געדאַנקען צו קען מען ניט אפשר אַ הונד אויך עססען אַזוי ווי אַנדערע בהמות און חיות. מען האָט געפרובט און מען איז דערגאַנגען, אַז מען קען טאַקי גרייליך עססען הינד אייך. מען האָט אָנגעהויבען צו קאָרמענען הינד, הגם איצטער פלעגט מען זיי אויך געבען מעהר ניט וויא דיא אָבפאַל, אָבער שוין מיט איין אַנדער כַּוָונָה, כדי זיי צו אָבקאָרמענען און פערניטצען אין שפּייז. עס פערשטעהט זיך, אַז וואָס מעהרער הינד דער מענש האָט געהאַט, דאָס רייכער איז ער געווען, דאָס מעהרער איז ער געווען פערזיכערט פון הונגער און פון נויטה, דאָס זיכערער איז געווען זיין לעבען, און דעריבער האָט מען אָנגעהויבען צו האָדעווען הינד מאַססענווייז.

אַז דער מענש האָט בעמערקט, וויא דער הונד לעבט אונטער ביסלעכווייז אויך אַזוי ווי דער מענש, פון יאַגד, ער חאַפּט קלענערע פון זיך חיה'לאַך און פאֶגלעך, האָט ער אָנגעהויבען

מיטצונעהמען איהם מיט זיך אויפ'ן יאגד, מעהר ניט דער מענש פלעגט ביי איהם צונעהמען זיין רויב אונ געבען איהם אליין זעהר א קליינע טהייל דערפון, דער מענש האט געלעהרנט דען הונד יאגען זיך, ניט נאר אויף קליינע חיה'לאך אונ פאגלאך, נאר אויך אויף גרויסע חיות, פאר וועלכע דער הונד אליין האט שטארק מורא געהאט. ער פלעגט פאראייניגען אפילו הינד אין איין פולק אונ צוזאממען מיט זיי אנפאלען אויף די באזע חיות, דיא אייביגע אונ נאטירליכע שונאים פון מענשען אונ אויך פון הינד. אלע נוטצען וואס דער מענש האט געהאט פון הונד איז גאר אונמעגליך אויסצורעכענען, אנב איז דאס טאקי גאר איבריג אויך, יעדערער ווייס דאס גאנץ גוט.

דער חזיר איז אויך, פונקט אזוי ווי דער הונד, ניט קיין גרויסער בראקירער אין עססען אונ עסט אלץ, וואס מען גיט איהם אדער וואס ער געפינט. ער קען זיך נאך בעססער פאר א הונד צובעססען אונ אנקלויבען פעטס, אבער דערפאר צו אנדערע איבעיים הויבט ער ניט אן צו טויגען, אונ עד היום איז ער געבליבען אזוי אונפאהיג צו אלסדינג, אויסער קלויבען פעטס פאר'ן מענשען. דערפאר אבער אויף דערויף איז ער א בריה בעססער פאר אלע אנדערע חיות אונ בהמות.

אזוי לייכט האט דער מענש געצאהמט מעהר ניט ווי א הונד אונ א חזיר; די איבריגע חיות, וועלכע זיינען גרעססערע בראקירער, עססען שוין ניט אלסדינג, אונ דערצו עססען זיי גאר אנדערע שפייז, ווי דער מענש, איז שוין געווען אפילו שווערער צו צאהמען, פון דעסטוועגען האט דער מענש זיי געצאהמט מיט אנדערע מיטלען, וועלכע זיינען געווען זעהר פיעל. ערשטענס פלעגט דער מענש געהענדיג אויפ'ן יאגד געפינען אין נעסטען אדער אין א האהל קליינינקע פאגעלאך אדער חיה'לאך, וועלכע ער האט לייכט געקאנט צונעהמען לעבעדיגערהייט. דא איז שוין לייכט געווען צו פאללען אויף די המצאה, אז מען קען די קליינינקע פאגעלאך אדער חיה'לעך אויסהאדעווען אונ בענוטצען זיי אויף דאס, אויף וואס מען פלעגט נוטצען זייערע עלטערען, די ניט געצאהמטע חיות אדער פויגלען. ווייטער איז שוין ניט איבריגס שווער

געוועז צו דערגעהן, אַז מען קען אונ עס לוינט לכתחילה צו האַלטען בהמות, חיות אונ פֿאָגלאַך, כדי זיי זאָלען זיך פלאָד־זענען. אַז מען קען אויף אַזאַ־נ־אופן צאַהמען חיות בעווייזען זעהר פֿיעל צופֿאַללען. ווי מען האָט גענוממען קליינינקע ווילדע חיות אונ מען האָט זיי אויסגעהאָדעוועט צווישען מענשען, זיינען זיי אַזוי צוגעוואָהנט געוואָרען, דאָס מען האָט זיי אפילו גאָר ניט גע־דאַרפֿט היטען; זיי געהען זיך אַרום פֿריי, ניט צוגעבונדען אונ פֿון דעסטוועגען אַנטלויפֿען זיי ניט. נאָר, נאַטירליך, ניט אַללע חיות זיינען געווען פֿעהיג צו ווערען הויזיגע.

אַנדערע מינים חיות האָבען נאָך זייער לעבענס־אַרט בשום אופן ניט געקענט ווערען קיין הויזיגע. אַזוי זיינען, למשל, די רויב־טהיערען, וועלכע מוזען האָבען פֿלייש־שפייז אונ קענען לעבען צוזאַממען מיט'ן מענשען, מעהר ניט ביי בעזונדערע בע־דינגונגען, אַז מען זאָל אויף זיי זעהר גוט אַכטונג געבען אונ אויפֿפאַססען, אונ פֿון דעסטוועגען זיינענדיג שוין אפילו אין אַזעלכע פֿערהאָלטניססע, פלאָדזענען זיי זיך אויך זעהר שלעכט. עס פֿער־שטעהט זיך, אַז אַזעלכענע חיות האָט דעם מענשען ניט געלוינט צו האָדעווען, סיידען מעהר נישט ווי אויף אַ שפילכעלע, וואָרום נאָך די גרויסע הוצאות נאָך, וואָס דאַרף קאָסטען זייער אויפֿ־פאַססען, ברייננען זיי כמעט גאָר קיין נוטץ ניט, מעהר ניט זיי קענען זעהר פֿיעל שאָדען אָנטאָהן אויפֿעססענדיג אַנדערע הויזליכע חיות.

פֿון די רויב־טהירען איז מעהר ניט איינע צאַהם געוואָרען, דערפֿאַר אָבער פֿערשאַפֿט עס אַזעלכע אַרבייט צו וועלכע קיינע פֿון די אַללע איבריגע צאַהמע חיות אונ בהמות טויגען ניט: ער ראָטטעט אוים אַלע שאָדליכע חיה'לאַך, וועלכע בעגלייטען אום־עטאום דעם מענשען. מיר ריידען דאָ וועגען די קאַטץ. נאָר איינענטליך האָט גאָר ניט דער מענש געצאַהמט די קאַטץ, איהר האָבען געצאַהמט די מייז. די קאַטץ איז צוגעוואָהנט געוואָרען ניט צו שרעקען זיך פֿאַר מענשען, וועלכער האָט באַלד פֿערשטאַנען די נוטצען וואָס זי ברייננט איהם אונ איז זיך בעגאַנגען מיט איהר מיט חֶסֶד, האָטשי עססען האָט ער איהר ניט געגעבען. אונ דעם

מענשען איז געווען אַפּולע כּדאַי׳ער איהר ניט צו געבען עססען אויך איבער דעם, ווײלע וואָס הונגעריגער דיא קאַטץ איז, דאָס פלייסיגער חאַפּט זי די מײז, אונ דאָס רוהיגער איז דעם מענשען. אמת, זי איז אָפּט אַ בעלנ׳תע אַ נאַש צו טאָהן עפּעס וואָס פון דעם מענשענס ווירטהשאַפט, אָבער דאָס גיט זיך איהר זעהר זעלטען איין, געוויינטליך חאַפּט זי פאַר דעם אַ ביטערען פּסק.

מען דאַרף ניט פאַרגעססען, אַז דיא אַללע בּהמות אונ חיות, וועלכע דער מענש האָט געצאַהמט, אָדער וועלכע זיינען אַליין געוואָרען צאַהם, זייענדיג שטענדיג צווישען מענשען, זיינען נאָך אָבער אַלץ ניט געווען הויזליכע, איבער דיא גאַנץ איינפאַכע אורזאַכע, וואָס דער מענש אַליין האָט נאָך אין אָנפאַנג ניט געוואָהנט אויף אַ בעשטימטען אָרט. די חיות אַלזאָ פלעגען, מסתמא, מיטשלעפען זיך מיט׳ן מענשען פון איין אָרט אויפ׳ן אַנדערען. די קאַטץ האָט זיך איינגעפונען נעבען מענשען ערשט דאַנן אַז דער מענש האָט שוין אָנגעהויבען צו בעשעפטיגען זיך מיט׳ן זייען אונ פפלאַנצען פערשיעדענע תבואות, וואָרום ערשט דאַנן ווערען די פעלד-מייז דעם מענשענס בעשטענדיגע בּעגלייטער. נאָך דעם זיינען דיא פעלד-מייז איבערגעגאַנגען אויך אין דעם מענשענס דירה, אונ אַזוי ווי די קאַטץ עסט זעהר גערנע פעלד-מייז איז זי צוזאַממען מיט זיי געוואָרען אַ הויז-טהיער.

אַז דער מענש האָט זיך אויסגעלעהרענט פון פאָרעמדיגע געוויקסע צו דרעהען שטריק, האָט ער שוין מיט דעם גופא געהאַט געפונען אויך אַ נייעם מיטטעל וויא אָנצוחאַפּען אַנדערע חיות לעבעדיגערהייט. מיט אַ שטריק קען מען אויף פערשיעדענע ערליי אופנים חאַפּען חיות: מען מאַכט פון שטריק אַ שלייף אונ מען וואַרפט דאָס אַרויף אויף די חיה אונ מיט׳ן ברעג שטריק, וואָס בלייבט אין האַנד ציהט מען איהר צו, אָדער דער שלייף פאַרווערגט ביי דער חיה דען האַלדז אונ דאַנן קען שוין דער מענש טהון מיט איהר וואָס ער וויל. די רויטהויטיגע אַמעריקאַנער חאַפּען מיט שטריק חיות אויף אַזאַ-נ-אופן: צו די ברעגעס שטריק בינדען זיי צו וואָסערע עס איז שווערע זאַכען, למשל: שטיינער, אונ גיבען אַ וואָרף די שטריק אויף די חיה אויף אַזאַ-נ-אופן, דאָס

אַרויפֿפֿאַלענדיג די חיה אויפֿען האַלדז אָדער אויף די פֿיס, פֿערפּלאָנטערען זיי איהר; די חיה פֿאַלט באַלד אַנידער און דער מענש חאַפּט איהר אָן לעבעדיגערהייט. אויף אַזאַ־נ־אופֿן חאַפּען די אַמעריקאַנער פֿערד, וועלכע זיי פֿערהויזליכען נאָכדעם.

פֿריהער וויא אַלץ האָט דער מענש געצאַהמט שעפּסען און ציעגען; לכתחילה פֿלעגט מען זיי האָדעווען מעהר ניט וויא אויף פֿלייש און ערשט נאָכדעם האָט מען זיי אָנגעהייבען האַלטען אויך צוליב מילך. מיר ווייסען געוויס, דאָס אין דער פֿערצייטיגע גריכענלאַנד פֿלעגט מען מעלקען ציעגען און שעפּסען, פּונקט וויא ביי אונז איצטער קיה. אין זעהר אַ לאַנגע צייט אַרום איז ערשט דער מענש דערגאַנגען, אַז מען קען אויך נוטצען די וואָל פֿון שעפּסען אויף צום וועבען פֿערשיעדענע צייג. נאָך פֿריהער האָט זיך דער מענש געמוזט אויסלערנען בעאַרבייטען פֿאַרעמדיגע געוויקסע און פֿון זיי צו וועבען צייג.

מיר מוזען דאָ בעמערקען, אַז דאָס צאַהמען חיות איז פֿאָר־געקומען אין פֿערשיעדענע אָרטער אויף פֿערשיעדענע ערליי אופֿנים. דהיינו: אין אַנדערע אָרטער פֿלעגט מען האָדעווען קאָמלעך, אין אַנדערע אָרטער פֿערד און אין אַדריטען אָרט קיה, הירשען א. ד. ג.. מעהרער וויא אַלץ, פֿערשטעהט זיך, האָט דער מענש פֿערהויזליכט פֿערד און קיה. און באמת, דיא ביידע בהמות און זייער פֿיעל פֿערשיעדענע מינים פֿון זיי זיינען טאַקי פֿערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. מיר רעכענען פֿאַר איבריג צו ריידען דאָ וועגען די וויכטיגקייט פֿון די בהמות פֿאַר דעם מענשענס לעבען, ווייל דאָס איז גאַנץ גוט יעדערען בעוואוסט.

די אַלע חיות און בהמות זיינען שוין איצטער געוואָרען גאָר אין גאַנצען הויזיגע, דער מענש בויט שוין אפילו פֿאַר זיי דירות אויך, וואו צו ווינטערען אָדער צו נאָכטיגען.

מען דאַרף נישט פֿאַרגעססען, אַז דער מענש האָט אָנגעהויבען צו צאָהמען חיות שוין אין יענע צייטען, ווען ער אליין האָט נאָך ניט געהאַט קיין בעשטענדיגע דירה. עס איז דעריבער, פֿערשטעהט זיך, געווען זעהר שווער אוים צו פֿיהערען, ווייל עס איז געווען דערצו גאַנץ ווייניג מיטטלען. די ערשטע, וואָס דער מענש האָט

געטאָהן אום צו פֿערהויזליבֿען אַ חיה, איז געווען בלתי ספֿק דאָס, וואָס ער פֿלעגט בעשיטצען און אויסהעלפֿען די חיה, וועלכֿע איז איהם געווען נוטציג, מיט אַלץ וואָס ער האָט נאָך זיינע דאַמאָלס־דינגע מיטלען געקענט. דער מענש האָט געזעהען, אַז די חיות לעבען צוזאַממען סטאַדעס־וויז, איבערגעהענדיג פֿון איין אָרט אויפֿען אַנדערען. אין אָנפֿאַנג פֿלעגט דער מענש פֿיהרען אַ יאַגד אויף זיי, נאָר דאָס איז אָבער געווען ניט בעקוואָם. די חיות פֿלעגען זיך דערשרעקען און אַנטלויפֿען אַזוי ווייט, אַז דעם מענשען פֿלעגט נאָך דעם זיין זעהר שווער זיי צוריק אויף צו זוכֿען, און די רויב, די אָנגעגרייטע פֿלייש, פֿלעגט אָדער מכולה ווערען און אין ניוועץ קומען אָדער עס פֿלעגט זיין ווייניג און עס פֿלעגט ניט קלעקען אויף דורך צולעבען ביז דעם אַנדערען יאַגד, ביז עס פֿלעגט זיך נאָך אַ מאָל איינגעבען צו חאַפּען אַ חיה. דאָ איז ערשט דער מענש געקומען ביסלעכֿווייז צום שכל, אַז ער קען דאָך גאָר לעבען מיט די סטאַדעס אַדרבה ואַדרבה, זעהר פֿריינדליך און ווען ער וועט דאַרפֿען וועט ער הרגהנען די אָדער יענע חיה. עס פֿאַרשטעהט זיך, אַז די בהמות וואָלטען מסתמא ניט געגלויבט דעם מענשען אויפֿען וואָרט, אַז ער האָט שוין איצטער מיט זיי געמאַכֿט שלום, און דעריבער האָט דער מענש געמוזט מיט עפּעס וואָס אַרויסווייזען די בהמות זיין פֿריינדשאַפֿט צו זיי.

און דער מענש האָט צוליב דעם אָנגעהייבען צו פֿיטערען די סטאַדעס. פֿון איצטער פֿאַלט ער שוין מעהר ניט אָן אויף זיי, נאָר פֿאַרקערט, ער בעשיצט זיי נאָך פֿון אַנדערענס אָנפֿאַללען. ער טרייבט איבער די סטאַדעס פֿון זייער אָרט אין אַנדערע אָרטער, וואו זיי פֿלעגען געפֿינען מעהר קאָרמע פֿאַר זיך. און די בהמה אַליין האָט אָנגעהייבען צו פֿיהלען, אַז דער מענש זאָרגט זיך פֿאַר איהר. עס לעבט זיך איהר איצטער אונטער דעם מענשענס השגחה אַ פֿולע בעסער וויא פֿאַר דעם, און די בהמה פֿיהלט אַז דער מענש איז איהרער אַ גוטער פֿריינד.

אַז דער מענש האָט זיך אָנגעהייבען צו בעשעפֿטיגען מיט פֿיה־צוכֿט האָט זיך געמוזט, פֿערשטעהט זיך, איבערבייטען זיין לעבענס אַרט. איצטער, זייענדיג אַ פֿאַסטוך האָט שוין דער מענש

געזוכט שפייז ניט פֿאַר זיך אַליין, נאָר פֿאַר זיינע בהמות, וועלכע זיינען איצטער געוואָרען זיין עיקר אכילה. ער האָט געמוזט שטענדיג אַרום שלעפּען זיך פֿון איין אָרט אויפֿען אַנדערען. יעדע צייט פֿון יאָהר פֿלעגט איהם צווינגען איבער צו געהן אין דעם אָדער אין יענעם אָרט, וואו ער פֿלעגט געפֿינען מעהר קאָרמע פֿאַר זיינע בהמות.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז פֿיהרענדיג אַזא לעבען, איז אוג־מיגלעך געוועזן צו בעשאַפֿטיגען זיך מיט ערד־אַרבייט, ווייל זייענדיג אַ פּאַסטוך פֿלעגט דעם מענשען אויסקוממען נאָך־אַנאַנד צו בייטען זיין וואָהנאָרט.

מיט דער צייט האָט אָבער דער מענש אָנגעהייבען צו קלעהרען ווי צו פֿערבעססערען דעם לעבען פֿון זיינע בהמות אויף ווינטער־צייט. דאַמאָלס קומט אוים די בהמות צו הונגערען אונ אין די אָרטער, וואו עס פֿאַלט אָן שנעע, קומט זיי אוים אַרויסצוגראָבען פֿון אונטער די שנעע פֿערפֿראָרענע גראָז. דער מענש האָט זיך מיישב געוועזן, אַז מען מוז אָנקלייבען פֿאַר די בהמות גראָז פֿון זוממער אויף ווינטער. אונ אַזוי ווי בהמות האָט דער מענש געהאַט זעהר פֿיעל, דעריבער פֿלעגט ער מוזען אָנגרייטען זעהר פֿיעל היי.

אַנדערע געלעהרנטע רעכענען, אַז לכתחילה זיינען טאַקי די פֿאָלקער איבערגעגאַנגען צו ערד־אַרבייט, מעהר ניט צוליב דעם, אַז זיי זאָללען האָבען גענוג שפייז פֿאַר זייערע בהמות, אונ ערשט נאָך דעם האָבען זיי אַליין אויך אָנגעהייבען צו עססען די זעלביגע געוויקסע, וועלכע זיי פֿלעגען זייען פֿאַר זייערע בהמות.

עס קען גריילעך זיין, אַז אַזוי איז טאַקי געוועזן, נאָר מיר מוזען דאָ בעמערקען, אַז ניט אין אַלע אָרטער איז דאָס פֿאָרגעקוממען אויף איין אופן. אין אַנדערע אָרטער, וואו עס איז געוועזן אַ פֿולע תבואה־שפייז, האָט דער מענש מסתמא פֿריהער גענוממען זיך פֿאַר׳ן זייען אונ פּפֿלאַנצען פֿערשיעדענע תבואה אונ פּרות; אונ אין אַנדערע אָרטער, וואו עס איז געוועזן אַפֿולע חיות, האָט דער מענש געוויס אָנגעהייבען צו צאַהמען די חיות אונ דאָס האָט איהם געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל נאָך דעם איבערגעהן צו ערד־אַרבייט.

ביי אַ פֿולע פֿאָלקער האָט דאָס ווידער געקענט פֿאָרקוממען

גאר צוזאממען. און באמת טרעפען מיר טאקי א פולע פאלקער, וואס לעבען זעהר פערשיעדען איינער ווי דער אנדערער. אנדערע פאלקער, געפינען מיר, ווייסען מעהר ניט ווי זייערע סטאדעס, און מיט ערד=ארבייט בעשעפטיגען זיי זיך גאר ניט, אנדערע ווידער בעשעפטיגען זיך דורכאויס מעהר נישט מיט ערד=ארבייט און ווייסען כמעט גאר ניט וויא מען צאהמט חיות.

די נאמאדען=פאלקער וואנדערען געוויינטליך ארום אין די גרויסע מדבריות וואו זיי געפינען זעהר פיעל גוטע קארמע פאר זייערע סטאדעס בהמות. ביי אונז אין רוססלאנד האבען פארצייטען ארום געוואנדערט אין דיא דרום=רוסישע מדבריות א פולע א זעלכע פאלקער: פאלאווצער, פעטשענעגען און אפולע אנדערע. און עד היום איז נאך ביא אונז פאראן אזעלכע נאמאדען=פאלקער, דהיינו די קירגיזען, די טאטארען, וועלכע האבען אין XIII יאהר=הונדערט איינגענומען רוססלאנד, זיינען אויך געוועזען אזעלכע נאמאדען, און אפילו איצטער נאך וואנדערען ארום אין דיא אזיאטישע מדבריות א פולע גרויסע מאנגאלישע שבטים.

איצטער דארפען מיר בעטראכטען די מיטטלען, וואסערע דער מענש האט געפונען איבער צו שיפען זיך איבער'ן וואססער. אללע פערשיעדענארטיגע לאדקעס, שיפלעך, קאראטקעס א. ד. ג. זיינען אין גרונד ריידענדיג אלע נישט מעהר ווי איין מין: א ליינג=ליבער, ביי די ברעגעס קיילעכדיג, הילצערנער קארפער מיט איין אויסהאהלונג אינוויינינג.

וואהנענדיג לעבען טייך, האט שוין דער מענש פון לאנג געוויס בעמערקט, אז אנדערע קארפער געהען אין וואססער צום גרונד, און אנדערע האלטען זיך אויפען וואססער; פון דעסטוועגען האט ער נאך אלץ ניט געקענט אויסטייסטערען עפעס וואס עס איז פאר א מאכעריי צום שווימען איבער'ן וואססער. ארויף פיהרען אויפ'ן שכל, אז עס איז מאגליך צו שווימען איבער וואססער מיט דער הילף פון א לייכטע זאך, וועלכע פאלט ניט צום גרונד, האט איהם געקענט אזא צופאל: א מאל טרינקענדיג זיך האט דער מענש געקענט אנחאפען זיך אן א קלאטץ אדער א ברעט, וואס זיינען ארומ=געשוואומען אין וואססער. דא האט שוין דער מענש לייכט געקענט

בעמערקען, אַז די הילצערנע זאַך האָט איהם אָבגעהאַלטען אויפ'ן וואַססער; אונ נאָך אַזאַ צופאַל האָט שוין דער מענש, אַז עס איז איהם אויסגעקוממען צו שווימען, געקענט בכיון מיטנעהמען מיט זיך אַ ברעט אָדער אַ באַלקען. איצטער אפילו מאַכט זיך נאָך אויך אַז אין די דאָרפער באָדט מען זיך מיט אַ ברעט, אָנשטאָדט פענכערס.

דער אורמענש האָט בלתי ספק פאַר דעם אויך געקענט גוט שווימען, איצטער אָבער, אַז ער איז דערגאַנגען, אַז האָלץ האַלט איהם אויף אויפ'ן וואַססער אונ לאָזט איהם ניט פאַללען צום גרונד, האָט זיך איהם געוואָלט האָבען דערפון מעהר טובה, ער האָט געוואָלט אויסמייסטערן אַזאַ מין זאַך, אַז איהם זאָל גאָר ניט אויסקומען צוא ליגען אין וואַססער, נאָר ער זאָל קענען זיטצען אויף די זאַך. דער מענש האָט אָנגעהייבען צו קלעהרען וועגען דעם אונ איז לייכט געפאַלען אויף אַ פלאַן. מען האָט פעסט צוזאַמענגעבונדען איינע מיט דעם אַנדערען עטליכע באַלקענס אונ עס האָט זיך בעקוממען אויף אַזאַ-נ-אופן אַ פראָם. דערמיט קען מען פאָהרען וואו מען וויל. אַראָב וואַססער געהט עס אַליין אונ אין די זייטען אָדער אַרויף וואַססער דאַרף מען דאָס אָפשטופען מיט אַ לאַנגען פלאָקען, אָבשפאַרענדיג אָן גרונד טייך.

שווימענדיג אויפ'ן פראָם האָט דער מענש געקענט לייכט בעמערקען, אַז אין אַ ווינד געהט דער פראָם גיכער, אַז דער ווינד טרייבט דעם פראָם; בעמערקענדיג דאָס, איז דער מענש געפאַלען צו מאַכען אויפ'ן פראָם אַ זעגעל.

עס פערשטעהט זיך, אַז דער זעגעל איז בעשטאַנען נאָר פון דאָס, וואָס דער אורמענש האָט מיט זיין דאַמאָלסדיגען שכל אונ מיטטלען געקענט אויסטראַכטען אונ מאַכען. עס קען גרייליך זיין, אַז לכתחילה פלעגט מען נוטצען אָנשטאָט אַ זעגעל אַ ראָגאָשוע, װעלכע מען פלעגט אויספלעכטען פון מאָצאַלקע אָדער איין אַנדער מין צייג, וועלכע דער אורמענש פלעגט וועבען פון פאָרעמדיגע געוויקסע, אונ עס קען זיין, אַז פון אָנהייב פלעגט דער מענש מאַכען זעגלען גאָר ניט פון קיין וועבעכץ, נאָר איינפאַך, פון אַ גרויסע שטיק קאָרע אָדער לוב.

נאָר דער מענש האָט זיך ניט געקענט בענוגענען מיט דערמיט אַליין, ווייל פֿאָהרען אויף אַ=נ=אומגעלומפּערטען פּראָם איז זעהר ניט בעקוועאָם, דערצו קען מען איהם ניט קירעווען וואו מען וויל, אונ דעריבער הייבּט אָן דער מענש צו זוכֿען בעססערע מיטטלען ווי צו שיפּען זיך איבּערן וואַססער. דער מענש האָט לייכֿט געקענט בעמערקען, אַז אַ גרויסער קלאָטץ קען אויך אָבּהאַלטען אַ מענשען אויפֿ'ן וואַססער אונ איהם ניט לאָזען געהן צום גרונד, דער גאַנצער חסרון איז מעהר ניט, וואָס דער בּאַלקען דרעהט זיך אין וואַססער, אונ אַז מען זאָל זיך אויף איהם שטעלען קולעט ער זיך איבער אונ מען קען אַריין פֿאַלען. פֿון דעסטוועגען מאַכֿט זיך אַמאָל אַנדערע בּאַלקענס, וואָס דרעהען זיך ניט אין וואַססער; דאָס זיינען אַזעלכֿע, וועלכֿע זיינען חאָטשי פֿון איין זייט אַביסעל אַרום געטעסעט.

איצטער האָט שוין דער אורמענש, אום צו מאַכֿען אַ שיפֿעל, אַזוי ווי די איצטיגע קאָרעטקעס, געדאַרפֿט מעהר ניט אויסהאַקען אין אַזאַ בּאַלקען פֿאַר זיך אַ=נ=אָרט, וואו זיך צו זעטצען. אין אונזערע צייטען, שוין מיט גוטע געצייג איז דאָס אויך ניט קיין גרינגע אַרבּייט אויסהאַקען אין אַ בּאַלקען אַ בית=קיבול, היינט ווי שוועהר פֿלעגט שוין דאָס אָנקומען דעם אורמענש, וועלכֿער האָט געהאַט מעהר ניט ווי אַ שטיינערנע האַק? מעהר ניט, עס איז געווען אֵין ברירה אונ דער מענש פֿלעגט טאַקי אין אָנהייב האָרעווען אויף דעם זעהר לאַנג. מעהר ניט נאָך דעם איז ער בּאַלד געפֿאַלען אויפֿ'ן פּלאַן, אַז מען דאַרף גאָר ניט האַקען, נאָר מען קען בעססער אויסבּרענען אין בּאַלקען אַ=נ=אָרט, וואו זיך צו זעטצען: ער פֿלעגט פֿון=אַנדער=לייגען אויפֿ'ן בּאַלקען פֿייער, האַלטען אַ ווײַלינקע אונ בּאַלד פֿערלאָשען; נאָכֿדעם פֿלעגט ער אויסקראַצען דיא פֿאַרבּרענטע אונ נאָך אַמאָל מאַכֿען פֿייער אונ אַזוי כּסדר, בּיז אין בּאַלקען פֿלעגט זיך אויסבּרענען אַ רעכֿטע אויסהאָהלונג, וועלכֿע מען האָט געדאַרפֿט.

איצטער איז שוין ניט שוועהר געווען אויסצובעססערן די זעלבּיגע קאָרעטקע, אונ מיט דער צייט בּיסלעכֿווייז אויסבעססערענדיג די זעלבּיגע קאָרעטקע האָבּען זיך מענשען אויסגעלעהרנט מאַכֿען די שיפֿלאַך, וועלכֿע מיר ניטצען נאָך איצטער אויך.

צוזאממען מיט דערמיט האָבען זיך מענשען אויסגעלערנט מאַכען שיף־לאָפּאַטקעס (וויאָסלעס). זיי זיינען געמאַכט אויף דעם אופן ווי דעם מענשענס האַנד.

מיט דער צייט האָט מען דאָס אַלץ מעהרער און מעהרער אויסגעבעססערט; מען האָט אָנגעהייבען צו מאַכען שיפלאַך פון ברעטער און אַרום שלאָגען מיט פעל, אָדער אויסקלעבען מיט פעך, כּדי עס זאָל ניט אַריינציהען קיין וואַססער. מיט איין וואָרט, מען הייבּט אָן צו מאַכען אַלץ גראָססערע און בעססערע שיפען, זעגלען, ביז די איצטיגע גרויסע זעגעל־שיפען.

איצטער, אַז דער מענש האָט שוין געפונען אַ מיטטעל ווי צו שיפען זיך איבער'ן וואַססער, האָט ער שוין ניט נאָר געקענט בעססער און בעקוועמער בעשעפטיגען זיך מיט פיש־חאַפּעריי, נאָר ער האָט שוין אויך געקענט גיכער טרעפען זיך מיט אַנדערע מענשען; אַ חוץ וואָס די לאָדקע האָט פערלייכטערט דעם אורמענשען זיין חיונה, האָט זי איהם אויך געדיענט אַלס אַ פערבינדונגס־מיטטעל, קאָממוני־קאַציאָנס־מיטטעל, ער האָט שוין איצטער גיכער געקענט האָבען אַ פערקעהר מיט אַנדערע מענשען, וועלכע האָבען געוואָהנט פון יענער זייט וואַססער. עס פערשטעהט זיך, אַז מיר רעדען מעהר ניט פון אַזעלכע וואַססערען, איבער וועלכע מען האָט געקענט בעקוואָם פאָהרען מיט אַ שיפעל.

איבערפאָהרענדיג אויף אַ שיפעל פון איין אינזעל אויפ'ן אַנדערען פלעגט דער מענש געפינען נייע אָרטער, וואו צו בעזעטצען זיך, און אויף אַזאַ־נ־אופן זיינען מענשען אַלץ מעהרער און מעהרער פער־שפרייט געוואָרען איבער'ן ערד־קוגעל.

און בכלל ריידענדיג האָט טאַקי דאָס שיפען זיך איבער'ן וואַססער געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין דער הינזיכט, בעזאָנדערס אין יענע אָרטער פון דער ערד, אַרום וועלכע עס איז פאַראַן אַ פולע אינזלען ווי, למשל, אויסטראַליע.

ביז איצטער האָבען מיר נאָך אַלץ ניט גערעדט וועגען דעם אורמענשס קליידער. מיר האָבען ניט גערעדט דערפאַר, ווייל, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, האָט ער דאָך אין אָנהייב געוואָהנט אין די וואַרעמע לאַנדער. אמת, צייטען־ווייז אין אַ שלעכטע

פאַגאָדע פֿלעגט איהם א פֿולע וואַרפֿען א צאָהן אָן א צאָהן, אָבער פֿון דעסטוועגען האָט דער אורמענש א צייט וועגען דעם גאָר ניט געקלעהרט, ווייל עס איז געוועזן גענוג קאָפּף־דרעהעניש א חוץ קליידער. אונ ווי נאָר עס פֿלעגט פֿערביי געהן די שלעכטע פּאָגאָדע אונ די זונן פֿלעגט ווייטער אָנהייבען צו וואַרעמען, אַזוי פֿלעגט שוין דער מענש פֿאַרגעססען אָן דעם. אונ אַז דער מענש האָט אָנגעהייבען צו בענוטצען זיך מיט פֿייער איז איהם נאָך וועניגער נאָטהיג געוועזן קליידער, וואָרום ביי טאָג פֿלעגט איהם וואַרעמען די זונן אונ ביי נאַכט פֿלעגט ער מאַכען פֿייער אונ זיך וואַרעמען נעבען איהם. בינו לבינו ווי לאַנג דער מענש האָט געוואָהנט אין די וואַרעמע לאָנדער, איז קליידער ביי איהם געוועזן די לעצטע דאגה. נאָר ווי דער מענש האָט אָנגעהייבען איבער צו געהן פֿון די וואַרעמע לאָנדער אין די קאַלטע, אַזוי האָט ער שוין אָנגעהייבען זאָרגען וועגען קליידער. די ערשטע זאַך, פֿערשטעהט זיך, האָט דער מענש בענוטצט אַלס קליידער די זאַכען, וועלכע די נאַטור פֿלעגט איהם געבען פֿאַרטיגע. דער מענש האָט אויך בעמערקט, אַז די אַלע חיות, וועלכע וואָהנען צוזאַממען מיט איהם, דאַרפֿען ניט קיין שום קליידער; מעהר ניט וואָס? זיי געהען וואַרעמער פֿאַר'ן מענשען אָנגעטאָהן: אין בעססערע אָדער ערגערע, אָבער אַלץ אין פעלצלאַך. אונ דעריבער האָט דער מענש, ניט האָבענדיג קיין אַנדער מיטטעל, די ערשטע זאַך אָנגעהייבען צו בעדעקען זיין נאַקעטקייט מיט די פֿעלען פֿון די געהרגה'טע חיות.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז אַ־נ־אָבגעשונדענע פֿעל פֿון א חיה איז ניט איבריגס בעקוואָם צו טראָגען: עס איז האַרט, שווער. דעם אורמענשען איז דאָס טאַקי אויך ניט געפֿעליג געוועזן אונ ער האָט אָנגעהייבען צו קלעהרען, ווי מען קען מאַכען די פֿעל ווייכער אונ לייכטער; ער פֿלעגט די פֿעל ווייקען, רייבען, קראַטצען אונ שאָבען אונ אויף אַזאַ־נ־אופן פֿלעגט טאַקי ווערען בעססער צום טראָגען. מיט דער צייט איז אויך דער מענש דערגאַנגען מאַטעריאַלען וועלכע געבען שוין צו דער פֿעל אַזא ווייכקייט, אַז מען דאַרף גאָר ניט בעססער. עס איז שוועהר צו זאָגען, ווי אַזוי דער מענש איז דערגאַנגען די גאַרבערשע מאַטעריאַלען. נאָר דאָס ווייסען מיר געוויס

אז א פולע פאלקער, וועלכע געפינען זיך נאך אויף א זעהר נידריגע מדרגה, ווייסען שוין פון דעסטוועגען וואס פאר א פעולה השתנה מאכט אויף א פעל.

נאכדעם, אז מען איז דערגאנגען א מיטטעל, ווי צו וועבען צייג פון פערדעמדיגע געוויקסע, האט מען אנגעהייבען צו מאכען קליידער פון פערשיעדענע וועבונג. אין אנהייב, פערשטעהט זיך, פלעגט מען זיך איינפאך איינוויקלען אין א שטיק אזעלכענע וועבעכטס, נאכדעם האט מען אנגעהייבען ביסלעך־ווייז צוזאמטענצונאהען בעזונדערע שטיקלעך צייג צוזאממען. אנשטאדט נאדלען פלעגט מען נוטצען דיענע ביינדלאך פון פיש. די ערשטע בגדים פלעגען אויסזעהען ווי א העמד אן ארבעל, נאר מיט דער צייט האט מען זיך שוין אויסגעלעהרנט נאהען מיט ארבעל אויך.

זעהר אפט איז אונמאגליך צו אונטערשיידען קליידער פון ציערונג. פיעל פאלקער, וועלכע ווייסען נאך גאר ניט פון קליידער, זיינען זיך נוהג אן צו טשעפענען צו זיך פערשיעדענע זאכען פון א ציערונג וועגען. געוויינטליך הייגגען זיי זיך ארום מיט די אללע זאכען אהן א שום סדר, ווי עס פאלט זיי אריין אין קאפ און ווי נאך זייער מיינונג נאך איז שאהנער. געוויינטליך בעדעקען די אויפגעהאנגענע זאכען ניט זייער קארפער, און אויב עס מאכט זיך א מאל אז די אויפגעהאנגענע זאכען בעדעקען יא אנדערע טהיי־לען פון קארפער, איז דאס נישט מעהר ווי א מקרה זאך, ווייל עס מוז דאך פערנעהמען א־נ־ארט אויפ'ן קארפער, אבער לכתחילה האט גאר דער מענש ניט געהאט אין זינען צו צודעקען זיך און מיט דעם זיך צו בעשיטצען פון קעלט.

מיר מוזען אלזא אונטערשיידען אין אורמענשענס קליידער צוויי מינים: אנדערע זאכען טראגט ער, אום צו בעשיטצען זיך דורך דעם פון קעלט, און אנדערע זאכען הייגגט ער אן ארום זיך סתם אזוי, פון סטאט וועגען. געוויינטליך, זיינען די ביידע זאכען פעראייניגט; דער מענש סטארעט זיך צו מאכען די קליידער וועלכע ער מוז טראגען איבער די קעלט, אויך וואס שאנער, ער נאהט דעריבער אויס אויף זיינע קליידער פערשיעדענע בלוממען, גיט זיי צו א שאנערע פארמע, אלץ כדי זיי זאלען אויסזעהען שאנער.

וואָס נאָטהיגער עס ווערט פֿאַר דעם מענשען קליידער. דאָס ווייניגער קלעהרט ער וועגען ציערונג. למשל, ביי די פֿעלקער, וועלכע עס וואָהנען אין די וואַרעמע לענדער און נייטהיגען זיך דעריבער ווייניגער אין קליידער, געפֿינען מיר פֿיעל פֿערשיעדענע ציערונג. דאָס פנים מיט דעם לייב פֿאַרבען זיי אויס מיט אַלערליי מינים פֿאַרב, שטעקען אָן אין די האָהר פֿעדערען פֿון פֿייגעלעך, און אַנדערע פֿערקאָכמען די האָהר גופֿא אויך און פֿלעכטען אויס צעפּ מיט אַלערליי מיני דרעהדליך. דאָס איז אַלץ, פֿערשטעהט זיך, ניט פֿון וואַרעמקייט וועגען, נאָר פֿון סטאַט. און פֿאַרקעהרט אויף צפֿון, אין די זעהר קאַלטע אָרטער, וואו עס איז שטענדיג דאָ שנעע און אייז, געפֿינען מיר מענשען, וועלכע זיינען אין גאַנצען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס איינגענאָהט אין פֿעלען פֿון חיות, און מען זעהט בעשיינפּערליך, ווי יעדער טהייל בגד איז פונקט צוגעריכט צו די בעוועגונגען, וועלכע עס דאַרף מאַכען דער אבר, וואָס דער טהייל בגד פֿערדעקט. קליידער, זעהען מיר אַלזאָ, קענען בעסטער מאַכען די פֿעלקער, וועלכע עס וואָהנען אין די קאַלטע אָרטער און נאָטהיגען זיך דעריבער אין קליידער מעהרער ווי די אומות, וואָס וואָהנען אין די וואַרעמע לענדער; אָבער ציערונג דערפֿאַר זעהט מען דאָ כמעט גאָר ניט. דאָס שאָנקייט פֿון אַ בגד בעשטעהט ניט, ווי אין די וואַרעמע לענדער, אין די בעפּוצונג, נאָר אין די שאָנקייט פֿון די צייג גופֿא, ד. ה. אין די שאָנקייט פֿון די פֿעל, פֿון וועלכע זיי נאָהען זייערע בגדים.

איצטער בלייבט אונז נאָך צו דערצעהלען וועגען דעם, ווי אַזוי דער מענש איז דערגאַנגען צו בעאַרבייטען מעטאַללען.

דאָס ערשטע מעטאַלל, וועלכע דער מענש האָט דערוואוסט, איז געווען ק ו פּ ע ר. קופּער געפֿינט מען אין דער נאַטור ריינע און דער מענש האָט לייכט געקענט געפֿינען שטיקלעך קופּער. דער מענש האָט באַלד געקענט בעמערקען, אַז די שטיקלעך קופּער, וועלכע ער האָט געפֿונען, האָבען גאָר איין אַנדער טבע ווי די שטיינער, וועלכע ער פֿלעגט נוטצען — קופּער איז ווייכער פֿאַר שטיין און עס שפּאַלט זיך ניט אַזוי אויף שטיקלאַך, ווי שטיין, מעהר ניט, אַז כען גיט דאָס אַ גרויסען קלאַפּ, בייט עס איבער די

פארמע. דער מענש, פערשטעהט זיך, איז געוועזן מלא שמחה, וואס ער האט געפונען אזא ווייכען שטיין, וואס נעמט לייכטער פאר אלע שטיינער אן די פארמע, וואס מען דארף. אבער דערפאר איז דאס קופער אין אנדערע אופנים געוועזן ערגער פאר שטיין, ווארום עס איז שוין צו ווייך און דעריבער האט עס ניט געטויגט אויף צום מאכען דערפון געצייג; מען האט עס געקענט נוצען מעהר ניט ווי אויף א ציערונג. באלד נאך דעם איז דער מענש דערגאנגען, וואס פאר א ווירקונג עס מאכט פייער אויף דעם נייעם שטיין: ער איז דערגאנגען, אז קופער שמעלצט זיך, און דערגעהן האט דאס דער מענש געקענט זעהר לייכט, ווארום, ווי מיר האבען שוין פריהער געזאגט, פלעגט דעם מענשען אפט אויסקוממען אנצובראָ־נען שטיינער צום בראטען פלייש אדער צום זידען וואססער. דער מענש האט צוליעב אזא ציעל געקענט אריינווארפען אין פייער דעם נייען שטיין אויך, און אויף אזא־נ־אופן איז דער מענש דערגאנגען, אז קופער צושמאלצט זיך אין פייער.

אין אנהייב האט דער מענש ניט געוואוסט די נפקא מינה צווישען מעטאלל און אנדערע שטיינער, דעריבער פלעגט ער דאס בענוטצען אויף די אלע זאכען, צו וועלכע ער פלעגט נוטצען שטיינער. עס האט זיך איהם געוואלט מאכען דערפון געצייג אויך, אבער דאס האט זיך איהם ניט געגעבען אזוי לייכט. זעהר לאנג האט דער מענש געהאָרעוועט ביז ער האט געפונען א מיטטעל, ווי אזוי צו פערפארטיגען פון מעטאלל געצייג. אויף צום מאכען געצייג פאדערט זיך זעהר א הארטעס מעטאלל. מיט דער צייט האט אבער דער מענש געפונען א מיטטעל: ער האט אנגעהייבען צו מאכען געצייג פון בראנז. דאס איז גענוג הארט.

נאר אין דער נאטור געפינט מען ניט קיין פארטיגע בראנז. דאס איז א קינסטליכע צוזאמענשמאלצונג פון קופער מיט צין. עס פערשטעהט זיך, אז דער מענש האט אפריהער נאך געדארפט געפינען צ י ן, דערגעהן, אז עס שמאלצט זיך און נאכדעם דערוויססען זיך, אז צוזאמענשמאלצענדיג צין מיט קופער, ווערט מען בעקוממען א מעטאלל, וועלכעס ווערט זיין הארטער פון יעדערעס פון זיי בעזונדער.

דאָס אַללעס דערגעהן האָט דער מענש געקענט מעהר ניט ביי זעלטען גוטע בעדינגונגען. מיר קענען ניט אויפֿווייזען די אַללע בעדינגונגען, נאָר דאָס איז זיכער, אַז דערגעהן דאָס האָט מען געקענט נאָר אין אַזא קאַנט וואו עס איז דאָ אי קופּער, אי צין. אַ זעלכענע ערטער איז אָבער אויפֿ'ן ערד־קוגעל דאָ זעהר ווייניג, און דעריבער טאַקי קענען מיר וויססען פּונקט פֿון וועלכע אָרטער עס האָבען זיך געקענט פֿערשפּרייטען אויף דער וועלט בראָנזענע געצייג.

אַז אַללע בראָנזענע געצייג קוממען אַרויס פֿון איין אָרט, זעהט מען בעשיינפּערליך דערפֿון, וואָס אַללע בראָנזענע זאַכען, וועלכע מען געפֿינט איצטער אין דער ערד, זיינען זעהר אָהנליך איינע צו דער אַנדערע. מען רעכענט, אַז בראָנזע האָט זיך פֿער־שפּרייט פֿון איין אָרט אין אַזיע. צווישען אוראַל און אַלטאַי איז פֿאַראַן אַ־נ־אָרט, וואו עס געפֿינען זיך דיביידע מעטאַללען, פֿון וועלכע מען בעקוממט בראָנזע: אי קופּער, אי צין.

בערך אין דער זעלביגער צייט, און אַנדערס וואו קען זיין אפֿשר נאָך פֿריהער, האָט מען שוין אָנגעהייבען צו נוטצען אַ י י ז ע ן אויך.

אַייזען, וויא עס איז בעוואוסט, איז זעהר אַ האַרטעס מעטאַלל; בעאַרבייטען איהם איז זעהר שוועהר, און ניט אַללע האָבען געקענט בייקוממען אַזא האַרטען מעטאַלל. די שמידען, וועלכע פֿלע־גען זיך בעשאָפֿטיגען מיט'ן אויסאַרבייטען כלים און געצייג פֿון אַייזען, פֿלעגט מען פֿאַרצייטען האַלטען פֿאַר מכשפים, ערשטענס דערפֿאַר, וואָס זיי פֿלעגען קענען מאַכען אַ זעלכע אַרבייט, וואָס קיינער קען דאָס ניט; צווייטענס דערפֿאַר, וואָס די שמידען פֿלעגען געוויינטליך קוממען צו אַ זעלכע פֿאָלקער, וועלכע האָבען קיין ידיעה ניט געהאַט וועגען אַייזען. און אַלס אַ פֿרעמדע אומה, וועלכע לעבט זיך פֿאַר זיך, אין גאַנצען אָבגעטהיילט פֿון די אָרטיגע מענשען, האָבען די שמידען נאָך מעהר געמאַכט אַ־נ־איינדרוק אַלס מכשפים. דיעזע מיינונג איז נאָך עד־היום ניט פֿערשוואונדען געוואָרען אין גאַנצען. אין אַנדערע אָרטער פֿון רוססלאַנד האַלט מען נאָך איצטער אויך די שמידען פֿאַר מכשפים.

ג אָ ל ד און ז י ל ב ע ר איז שוין אויך געוועזען בעוואוסט

גאָר פֿאַרציימען. עס איז איבריג צו זאָגען, אַז די ביידע מעטאַללען זיינען ניט אומעטום געווען גלייך בנמצא. אין אַנדערע אָרטער איז געווען מעהר בנמצא גאָלד, אין אַנדערע — זילבער. גלייך אין אָנהייב האָבען מענשען גענוטצט די ביידע מעטאַללען מעהר נישט ווי אויף ציערונג, זיי פֿלעגען מאַכען דערפֿון האַלדז-באַנדער, בראַסלעטען, רינגען און פֿלעגען דאָס אָנטאָהן אויפֿ'ן האַלדז, אויף די האַנד און אויף די פֿיס.

אַז די אייראָפּעער האָבען געפֿונען אַמעריקא זיינען זיי זעהר בתפעל געוואָרען אַז זיי האָבען דערזעהן ביי די ווילדע אַמעריקאַנער שבטים גילדערנע ציערונג.

שוין גאָר פֿאַרציימען האָט מען אָנגעהייבען צו ניטצען גאָלד און זילבער אויך אַלס געלד. אין אונזערע ציימען האָט גאָלד אויך פֿערשיעדענע בעשטימונגען, מען נוטצט דאָס אַלס ציערונג, אַלס געלד און נאָך אַנדערע זאַכען. אַלס געלד דיענט מעהר ניט דאָס גאָלד, וועלכע האָט אַ געוויססע פֿאָרמע און אַ געוויססע וואָג, ד. ה. גילדערנע מטבעות. אַז מען זאָל אָבברעכען פֿון אַ אימפּעריאַל אַ שטיקעל גאָלד, קען מען דאָס ניט פֿערקויפֿען אַלס געלד, נאָר אַלס גאָלד. פֿערציימען אָבער האָט דאָס גאָלד, וועלכע מען האָט אָנגעהייבען צו ניטצען אַלס געלד, ניט אויפֿגעהערט צו זיין אַ צירונג. מען פֿלעגט דאָס טראָגען אַזוי ווי פֿאַר דעם אויפֿ'ן האַלדז, אויף די קליידער, אויף די האַנד און די פֿיס, מעהר ניט אַז מען פֿלעגט דאַרפֿען קויפֿען עפּעס וואָס און צאָהלען מיט גאָלד, פֿלעגט מען אָבברעכען פֿון די ציערונג וויפֿיעל מען האָט געדאַרפֿט און דאָס אוועקגעבען דעם פֿאַרקויפֿער אַנשטאָדט געלד. די פֿאַרציימיגע מענשען פֿלעגען אַרומוויקלען אַרום האַלדז לאַנגע גילדערנע אָדער זילבערנע ריטטער, וועלכע האָבען אין יענער צייט געדיענט אַלס געלד. ווי אַזוי און פֿאַר וואָס מענשען האָבען אָנגעהייבען צו ניטצען די טהייערע מעטאַללען, גאָלד און זילבער, אַלס געלד, וועגען דעם וועללען מיר רעדען שפּעטער.

מעטאַללען בכלל זיינען ניט אומעטום בנמצא, ניט יעדער איינציגער אָרט אויף דר'ערד האָט אין זיינע בערג גאָלד, זילבער, אייזען אָדער אַנדערע מעטאַללען. עס האָט זיך דעריבער געקענט

ברייט פארשפרייטען איבער דער וועלט נאר צוליעב די אפטע פערקעהרען, וועלכע מענשען פון פערשיעדענע ארטער האבען געהאט צווישען זיך. מיר האבען אבער א פולע ראיות, אז פערשיעדענע מעטאללען זיינען אין זעהר פיעל ארטער געווען בעוואוסט שוין גאר פערצייטען; דערפון איז געדרונגען, אז מסחר צווישען פערשיעדענע פעלקער האט שוין עקסעסטירט אויך אין יענע גאר אלטע צייטען. מענשען פלעגען, איבערפאהרענדיג פון איין לאנד אין די אנדערע, מיטנעהמען מיט זיך פערשיעדענע פראדוקטען, וועלכע מען פלעגט אויסארבייטען אין זייער לאנד, אונ פלעגען דאס פארקויפען אין די ארטער, וואו זיי פלעגען קוממען, אויף פראדוקטען, וועלכע מען פלעגט אויסארבייטען אין י ע נ ע ארטער, אונ אויף אזא נאופן זיינען זיי געווארען האנדעלס־פעלקער. אין די ערשטע צייטען פערשטעהט זיך, פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט מסחר נאר די נאמאדען אדער וואנדערער.

נאכדעם, אז מענשען האבען זיך אויס געלעהרענט פאהרען אויף שיפען איבער'ן וואססער, האבען זיך אנגעהייבען צו בעשעפטיגען מיט מסחר די פעלקער, וועלכע עם פלעגען וואהנען ארום די ימים, ווייל זיי זיינען געווען זעהר גוטע ים־רייזענדע, זיי האבען געקענט גוט שיפען זיך. דאס זיינען אויך געווען אזא מין נאמאדען, ים־וואנדערער. פערצייטען זיינען אלזא געווען סוחרים, נאר רייזענדער, דערצו גראסטען טהיילס אויסלאנדער.

אויך ביי אונז אין רוססלאנד פלעגען פערצייטען קומען א זעלכע ג ע ס ט, ד. ה. אויסלאנדער, וועלכע פלעגען ברענגען צו פיהרען אויסלאנדישע סחורה אונ פלעגען דאס אויסשטעלען צום פערקויפען אויפ'ן מארק. די מארק, וואו עם פלעגען פארצייטען האנדלען די געקומענע אויסלאנדער, פלעגט מען דעריבער רופען „גאסט־הויף". דער נאמען איז זיי נאך איצטער אויך איבערגעבליעבען, חאטשי איצטער האנדלען דארטען שוין דער עיקר אינלאנדישע מענשען. איבריגסטענס, וועגען מסחר וועט אונז נאך אויסקוממען שפעטער צו ריידען ב'פרט'ער.

ביז איצטער האבען מיר גערעדט נאר וועגען דעם מענשענס הכרחיות, ד. ה. וועגען די זאכען, וועלכע דער מענש האט געמוזט

האָבען אום צו דערהאַלטען זיין לעבען, אונ אָהן וועלכֿע ער האָט ניט געקענט אויסקוממען. נאָר אויסער די אַללע נאָטהיגסטע ערפֿינדונגען געפֿינען מיר, אַז שוין גאָר אין די ערשטע צייטען האָבען מענשען אין אַללע קאַנטען פֿון דער וועלט גענימצט אין שפּייז ניט נאָר אַ זעלכֿע זאַכֿען, וועלכֿע עס זיינען געוועזען נאָטהיג צו דערהאַלטען דעם לעבען, נאָר אויך אַ זעלכֿע זאַכֿען, וועלכֿע נאָטהיג זיינען זיי ניט, נאָר דער מענש האָט פֿון זיי אַ גרויס הנאה. אַנדערע פֿון די זאַכֿען, וועלכֿע דער מענש האָט גענימצט פֿון פֿערגעניגענד וועגען, זיינען אָפֿט זעהר אונגעזונד, ווייל זיי מאַכֿען שכּור דעם מענשען, פֿון דעסטוועגען האָט זיך דער מענש ניט אָבגעזאָגט פֿון זיי, ווייל זיי זיינען געשמאַק. נאַטירליך, דער אורמענש האָט ניט געקענט אַזוי קלאָהר וויססען וואָס פֿאַר אַ שאָדליכֿע ווירקונג עס מאַכֿען אויף זיין געזונד די אַללע זאַכֿען, פֿון וועלכֿע ער ווערט שכּור.

אונ אַפֿילו אין דער געגענוואָרטיגער צייט, וואָס די וויססענשאַפֿט האָט שוין בפֿירוש דערוויזען, ווי שאָדליך עס איז צו טרינקען די אַללע משקאות, פֿון וועלכֿע מען ווערט שכּור אונ צו רויכֿערען טאַבאַק, נאָך מעהר: די געלעהרענטע האָבען מיט אותות ומופתים שוין ערקלעהרט אַפֿילו אויך פֿאַר וואָס די אַלע זאַכֿען זיינען אַזוי שאָדליך פֿאַר דעם געזונד, פֿון דעסטוועגען איז נאָך פֿאַראַן אַ פֿולע מענשען, וואָס האַלטען ניט דערפֿון אונ מיינען נאָך אַלץ, אַז טרינקען שטאַרקע משקאות אונ רויכֿערען איז גאָר ניט אומגעזונד. דער אורמענש האָט געוויס ניט געקענט בעמערקען די שאָדליכֿע ווירקונג, וואָס דאָס מאַכֿט אויף זיין געזונד, בעזאָנדערס דערפֿאַר ווייל זיי ווירקען ניט באַלד, ווי מען נעהמט דאָס איין, נאָר פּאַמעלעך אונ ביסלעכֿווייז נעהמען זיי אָב ביים מענשען זיין געזונד. אָבער דאָס אַנגענעהמע שכּור ווערען אונ די אויפֿרעגונג וואָס דער מענש פֿיהלט אײַנעהמענדיג די שטאָפֿפֿען איז איהם שטאַרק געפֿאָלליג געוועזען אונ דעריבער פֿלעגט ער דאָס זעהר אָפֿט נימצען.

אַז מען זאָל זיך גוט בערעכֿענען, וואָס דער אורמענש פֿלעגט אויסשטעהן, וואָס ער פֿלעגט צוהאָרעווען אי פֿהיזיש, אי גייסטליך, מיט וואָסערע מאַטערנעס עס פֿלעגט איהם אָנקומען די שטיקעל חיונה; אַז מען וועט זיך בערעכֿענען פֿיעל כּחות דער אורמענש

פֿלעגט אַוועקלעגען אין דעם גרויזאַממען שטרייט, וועלכען ער האָט שטאַנדיג געמוזט פֿיהרען מיט דער נאַטור; אז מען זאָל זיך בערעכֿענען דעם אורמענשענס שטאַנדיגע קאָפּ־דרעהעניש אונ פּראַצע — זאָגען מיר — איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס ער איז געווען אַזא גרויסער בעלן אויף די אַללע זאַכֿען, פֿון וועלכֿע מען ווערט שכּור. די אַלע משקאות זיינען איהם טאַקי אַ־נ־אַנדערם מאָל זעהר נאָטהיג געווען. זיי פֿלעגען איהם שטאַרקען אין די מינוטען, ווען ער פֿלעגט זיך פֿיהלען זעהר מיעד; זיי פֿלעגען איהם צוגעבען פֿרישע כּחות, זיי פֿלעגען איהם אויף אַ ווייַלע פֿון אַנדער צוכֿענען אונ צוגעבען מוטה, אונ נאָך דעם, אַז די אויפֿרעגונג פֿלעגט פֿאַרביי געהן פֿלעגט דער מענש פֿעסט איינשלאָפֿען אונ זיך גוט אויסרוהען אונ נאָך דעם ווייטער קענען פֿאָרטזעטצען זיינע אַרבייט.

דער אורמענש האָט ניט פֿערשטאַנען ווי אַזוי די אַלע שטאָפֿפֿען מאַכֿען דאָס אויף איהם אַזא ווירקונג, ער האָט בשום אופֿן ניט געקענט קלוג ווערען, וואָס איז די מעשה, אַז ער נעהמט איין די שטאָפֿפֿען ווערט ער הייטליכֿער, דרייסטער, פֿיהלט זיך מוטהיגער אונ שטאַרקער אונ דעריבער פֿלעגט דער אורמענש רעכֿענען, אַז ניט די שטאָפֿפֿען גופא מאַכֿען דאָס אויף איהם אַזא ווירקונג, נאָר דאָס אין זיי איז פֿאַראַן אַזא מין גאָטט אונ ער מאַכֿט דאָס אין אמת׳ן שכּור דעם מענשען. דער גאָטט איז דעם אורמענשען זעהר געפֿעַליג געוואָרען אונ ער האָט זיך אָנגעהייבען צו בוקען צו איהם אונ איהם צו דינען. אַ פֿולע פֿאָלקער האַלטען נאָך איצטער אויך די אַללע שטאַרקע געטראָנק פֿאַר אַ גאָטטהייט; זיי מיינען אפילו, אַז די גאָטטהייט איז די גרעסטע, אַז זי גיט לעבען אונ חיונה די אַללע איבריגע גאָטטער.

מעהר פֿאַר אַללע אַנדערע פֿאָלקער, האָבען די פֿאַרצייטיגע אינדיאַנער, וועלכֿע האָבען געוואָהנט אין די איצטיגע מזרח־אינדיע, פֿערגאָטטערט די געטראָנק, וועלכֿע מאַכֿען שכּור. די פֿערצייטיגע פערסיאַנער האָבען אויך זעהר פֿערעהרט די גאָטטהייט פֿון שכרות. ביי זיי איז געווען בנמצא אַזא מין געטראַנק, וואָס זיי פֿלעגען מאַכֿען פֿון די זאַפֿט פֿון אַזא מין פפֿלאַנצונג, וועלכֿען זיי פֿלעגען רופֿען

„סאָמאַ". זעלבסט דאָס פֿערפֿערטיגען דעם געטראַנק, וואָס איז בעשטאַנען אין דעם אויסקוועטשען די זאַפֿט פֿון דער פֿפֿלאַנצונג, האָט זיך אויך גערעכֿענט פֿיר אַ הייליגע אַרבייט. בײ'ן פֿערפֿערטיגען דעם געטראַנק פֿלעגט מען זינגען תּפֿלות, לויבען און דאַנקען דעם גוטען גאָטט פֿון די משקה. מען פֿלעגט דערבײ אויסרעכֿענען די אַללע טהייערע מעלות, וועלכֿע עס האָט געהאַט די משקה, די וואָהלטהאָטיגע ווירקונג, וואָס זי מאַכֿט אויפֿ'ן מענשען און אויף אַנדערע גאָטטער און דערפֿאַר אויך דאַנקען דעם גרויסען און וואָהלטהאָטיגען גאָטט פֿון דער משקה.

בײ אַללע פֿאָלקער אין אַללע טהיילען פֿון דער וועלט האָט אַמאָל עקסעסטירט דאָס פֿערגאָטטערען די שטאַרקע געטראָנק; איבעראַלל האָט זיך דאָס גערעכֿענט פֿאַר זעהר אַ הייליגע זאַך און דאָס פֿערפֿערטיגען די געטראַנק — פֿיר אַ הייליגע גאָטטליכֿע אַרבייט. אין אַ פֿולע אָרטער פֿיהרט זיך נאָך עד היום אַזוי.

בײ די רוססען זינגט מען נאָך אַ פֿערציייטיגע פֿאָלקס=ליעד, אין וועלכֿע מיר געפֿינען אַ=נ=אָנדענקונג פֿון יענע צייט, ווען זיי פֿלעגען פֿערגאָטטערען געטראָנקע, פֿון וועלכֿע מען ווערט שכּור. ווי עס זעהט אויס איז דאָס ליעד שוין זעהר אַלט, דען דאָרט דערמאָנט זיך אַ גאָטטהייט, צו וועלכֿע די סלאַוויאַנער האָבען גאָר פֿאַרציייטען, אין אורצושטאַנד געדיענט.

אין גרוים געברויך איז געוועזן פֿאַרצייטען מעד, די זעלביגע משקה, פֿון וועלכֿע מיר לעקען די פֿינגער אַללע פּסח. מעד ווי עס איז יעדען בעוואוסט, ווערט געמאַכֿט פֿון האָניג און דאָס איז געוועזן דעם מענשען ניט שווער צו בעקומען. צו געפֿינען אַ ביען=שטאָק אין אַ בוים איז געוועזן ניט שווער, און פֿערזוכֿענדיג אַמאָל אַזאַ נאַשעריי, ווי האָניג, איז דער מענש געוועזן פֿערטיג אפילו צו אָפּפּערען מיט זיינע האָנד אַבי צו בעקומען עס נאָך אַמאָל. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דער מענש איז דערגאַנגען אַ מיטטעל צו בעגעהן זיך מיט די ביענען אָהן בעזונדער אונאַנגענאָמליכקייטען פֿיר זיך: ער פֿלעגט אַרום ביענשטאָק אויפֿלייגען אַ פֿייער און מיט דעם רויך פֿאַנאַנדער טרייבען די ביענען. מיט דער צייט האָט דער מענש ערפֿונדען אַ מיטטעל, ווי צו בעקומען האָניג פֿון בוים=לאָך, ניט

ארויסטרייבענדיג פון דארטען די ביענען, כדי צו האבען די מעגליכקייט זיך נאך אמאל צו לאבען מיט די זעלביגע נאשעריי. עס פערשטעהט זיך, אז א רעגעלמעססיגערע ביענען-צוכט קען זיך ערשט דאן אנהייבען, ווען דער מענש האט איינגעארדענט פיר זיך א וואהנונג.

האניג פלעגט דער מענש לייגען אלס א פריפראווע אין עסען, אמאל פלעגט ער דאס אריינקנעטען אין טייג און אפטמאל פלעגט ער עסען אויך רויהע האניג. נאר אזוי ווי רויהע האניג ווירקט זעהר שלעכט אויפ'ן מאגען, פלעגט דער מענש עס צוזאממענמישען מיט וואססער און אויף אזא ארט האט ער אנגעפאנגען צו פערפארטיגען די זיסע משקה — מעד. די האניג צו מישט מיט וואססער, שטעהענדיג א געוויססע צייט, הייבט עס אן צו אירען און דאן בעקומט זיך פון איהם דער געטראנק, וועלכער איז געוועזען אזוי בנמצא ביי אונז אין רוססלאנד, ביי די גערמאנער און ביי נאך פיעל אנדערע פאלקער.

פונקט אויף אזא-נ-אופן זיינען מענשען דערגאנגען די קונסט צו ברייען ביער. מיר האבען שוין פריהער געזאגט, אז דער אורמענש פלעגט אפט עססען קאשקע פון מעל מיט וואססער. שטעהענדיג אייניגע צייט פלעגט די קאשקע אנהייבען צו אירען און אויף אזא-נ-אופן האט זיך בעקומען די משקה, וועלכע מיר רופען עס ביער. מערקווירדיג איז דאס, וואס ביער איז געוועזען פערשפרייט ביי פיעל פארצייטיגע פאלקער, בעזאנדערס דארטען, וואו מען האט איבער די קלימאטישע בעדינגונגען ניט געקענט מאכען קיין אנדערע געטראנקע, פון וועלכע מען זאל זיך קענען איינשכור'ען.

בעמערקענדיג אז אייניגע געוויקסע האבען אזא זאפט, פון וועלכען עס פערדרייט זיך דער קאפ, האבען זיי זיך אויסגעלעהרענט צו מישען די געוויקסע אין ביער, אום עס צו צוגעבען מעהר שטארקייט. צו ליעב דעם זעלביגען ציעל מישט מען ביי אונז אין ביער האפען און אפטמאל אויך אנדערע געוויקסע.

ווי צו מאכען וויינטרויבען-וויין איז מען אויך דערגאנגען נאך אין אוראלטער צייט; עס פערשטעהט זיך, אז דאס איז מען דערגאנגען פריהער אין די מקומות, וואו עס האבען געראטען געוואקסען וויינגארטנער. מען האט ניט געדארפט האבען דערצו קיין גרויסע

חכמות: מען האָט מעהר ניט געדאַרפט נעהמען אַ וויינטרויב, אויס־קוועטשען פון איהם די זאַפט און עס לאָזען שטעהן איניגע צייט, אום צו בעקומען וויין, וועלכע עס האָט געמאַכט אַ סך אַ שטאַרקערע ווירקונג אויף די נערווען ווי ביער.

דעריבער פלעגט מען פאַרציימען געוועהנליך טרינקען וויין צוזאַממען געמישט מיט וואַססער. מיט ריינע וויין פלעגען זיי מעהר ניט מכבד זיין די גאָטטער, וועלכע, ווי מען האָט גערעכענט, האָבען געשאָנקען דעם מענשען אַ וויינטרויבען צווייג און איהם אויסגעלעה־רענט צו פערפערטיגען אַזא גאָטטליכען געטראַנק.

אויסער די משקות, וואָס מיר האָבען דאָ אויסגערעכענט, זיינען פאַראַן איניגע געוויקסע, וועלכע האָבען די זעלביגע טבע צו פער־שכור'ן. צווישען זיי זיינען בעזאָנדערס מערקווירדיג מאָן און קאַנאַפּלעס. פון זייערע קערנערלאַך פלעגט מען אַ מאָל צורעכט מאַכען פערשיע־דענע געריכטען. נאָך היינט פיהרט זיך נאָך ביי די רוססען צו באַקען פון שוואַרץ־ברויט פלעטצלאַך מיט צושטייסענע קאַנאַפּלעס־זאַט. געוועהנליך איז די ווירקונג פון די דאָזיגע געוויקסע גאַנץ שוואַך, נאַר אין איניגע אָרטער האָט מען זיך דערקליגט זיי אַזוי גוט צורעכט צו מאַכען, אַז זיי ווירקען פיעל שטאַרקער פאַר'ן בעסטען וויין. אַלס ביישפיל פון אַ זעלכע געוויקסע קענען דיענען אָפּיום און האַשיש, וועלכע ווערען צורעכט געמאַכט פון איינציגע מאָן און פון קאַנאַפּלעס. זיי האָבען זעהר אַ שאַדליכען איינפלוס אויפ'ן געזונד, נאַר מען שכורט זיך פון דעם אַזוי איין, אַז מען פאַלט אַריין נאָך דעם, ווי אין אַ פיבער, מען זעהט פערשיעדענע מראות און פלוידערט ווי פון היטץ. איבערהויפּט ווערט אָפּיום און האַשיש בענוצט אין אַזיען.

פונקט ווי אין אונזער אַלטען וועלט איז פערשפּרייט פערשיע־דענע שאַרפע געטראַנקע, אַזוי איז אין דער נייען וועלט, אין אַמעריקא, פערשפּרייט צווישען די דאָרטיגע איינוואָהנער רויכערען און קייען טאַבאַק. פון די אַמעריקאַנער איז די דאָזיגע געוואָהנהייט איבער־געגאַנגען צו די אייראָפּאַער. היינט איז שוין פערשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּא. ווי אין דער אַלטען וועלט פלעגט מען ברענגען די גאָטטער פאַר אַ קרבן וויין, אַזוי פלעגט מען אין אַמעריקא מכבד

זיין די גאָטטער מיט טאַבאַק רויכערען, און נאָכדעם ערשט, אַז
זיי האָבען געבראַכט די גאָטטער אַזא קרבן, פּלעגען זיי אַליין
אָנהייבען צו רויכערען.

פיגור 1



שטיינערנע מ

פיגור 2



שטיינערנע האַק.

פיגור 3



אויסטראַלישער ספּאָסאָב צו שליידערן דען שפּיעז.

פיגור 4



אַ מין גראָב אייזען ביי די פּאַטאַגאָנער (אַ ווילדעס פאלק אין אמעריקא)

פיגור 5



געשליפענע שטיינערנע האָק.

פיגור 6



איין עגבויער צו מאַכען פייער.

פיגור 7

וויא מען מאַכט פייער
אין אויסטראליען.

פיגור 8



איין ענגבויער מיט אַ רימען, צו מאַכען פייער.

פיגור 9

איין איזוען אין אויסטראַליען.

פיגור 10



איין געצעלט פֿון די איינוואָהנער אויפֿין אינזעל „פייעד לאַנד" אין אמעריקא.

פיגור 11



א ליימענע וואזע, מיט די צייכען פון א געפלאכטענעם פארם.

פיגור 12



איין שיפעל פון די עסקימאָסען.

פיגור 13

ווי די אויסטראַליער האפּען פיש אין זייערע שיפלאַך.

פיגור 14



א קריעגס שיעף אין ניי-זעעלאנד.